XIV 1941: 993

# ל. קוויטקא

# גרין גראָז

ק/6

# ל. קוויטקא

1884
43215
4A

# גרינ גראָז

ליטעראַרישער
פֿאַרלאַג

דער גרעסטער טייל פון די לידער איז ערשינען אין אוקראינע – אין בוך „טריט" (יאָר 1919) און אין זא־
מעלבוך „אייגנס", ב. II (יאָר 1920).
אַ טייל לידער ווערן דאָ געדרוקט צום ערשטן מאָל.

---

פאַרלאַגס־מאַרקע, הילע און די אינווייניגסטע צייכנונגען
– געמאַנט פון ישׂשכר בער ריבאַק.

---

Alle Rechte, insbesondere der Uebersetzung,
vorbehalten.

---

Copyright by the „Jewish Literature Publishing Co.
Ltd. (Jüdischer Literarischer Verlag, G. m. b. H.),"
Berlin, 1922.

Bibliotheca
Universitatis
Tartuensis
1941 · 9936

## פתיחה·

. . . וואו געטאָגט – ניט גענעכטיגט· אונטערן דאַך – אומרוה· און אין דרויסן – מוראדיגע וואָלקנס· שלאַקרעגנס און מוראדיגע זון־אויפגאַנגען· און ממש צעהן מאָל אין טאָג טראַכט איך – אַ טויב· און טו – אַ שפּאַרבער· טראַכט – אַ שפּאַרבער· און טו – אַ טויב· –

און מיין האַרץ דערפילט עס און פאַרשטייט עס: אַז בייזע שדים ווערן פלוצים מילד און היטן פרעמדע קינדער אין די וויגן; אז קנעכט פאַרשטאָפּטע ווייסן· אויף אן אמת ווייסן· אַז גרויס איז מענש אין זיי און וואונדערבאַר און לאָזן זיך אויף מסירת־נפש איבערברעכן אַלע כלים· וואָס זיינען מער ניט· מער ניט נאָר ווי כלים –

– אַרט מיך, ווען דו פרעגסט זיך נאָך, וואו ז'מיַין מאָס און וואו ז'מיַין וואָג.

איך מעסט דיר ניט, און וועג דיר ניט, און זינג דיר ניט, ווייל סיי איך, סיי די אַנדערע פון מיין שטאַם – זיינען שטאַמלער. און וואָס סע שטאַמלט פון אונז ארויס – איז עס ווילדער און שטאַרקער פון מיר, און פון דיר, און קען ניט, און וויל ניט אריין אין דיינע צוגעטראַכטע פורעמלאַך און כלים.

דורכן דריי־טייליגן בוך, געטיילט אין – „גרין גראָז", „זעה נאָר" און „איבער ברעגן", זאָג איך דיר:

מיר איז שטאַרק נוגע, מיר גייט'ס ממש אין לעבן אריין – זאָלסט מיך דערקענען, זאָלסט זיך דערקענען און דערשמעקן, ווי שטאַרק און מאָדנע ס'איז אַלץ אויפגעריררט אַרום אונז, ווי שיינס און מיאוסעס, און גוטס און שלעכטס האָבן זיך מיט אַמאָל מיט די פנימער איבערגעביטן און זיך א דריי אויס צו דיר געטאָן מורמלענדיג מיט פאַרכאַפּטן אָטעם:

מעסט ניט, וועג ניט,
הער אויס.

אין יאָך

## געדעכניש.

דו גייסט דעם שעלטנדיגן טאָג אַנטקעגן
און שטעלסט אים אונטער דיין אַנטבלויזטן נאַקן,
טראָגסט דיין קאָפּ דעם וויסטן רעגן,
דער זון אים באַקן.

ווײַ!
דער, פֿאַר ועמען ביזט פֿאַרשפּראָכן
זיין אויף הפקר,
דער, פאר וועמען בעטסט,
דו, נאַקעט קינד, מיט אנד׳רע קינדער –
איז אליין אַ בלינדער,
איז אליין אַ בלינדער...

און איך?...

...אין תוהו ובוהו,

ווי מיינע אָהנצאָליגע אבות,

וועט מיין געדעכניש פאַרגיין אזוי.

און אויב פון דער שלייכנדער צייט

וועלן אויפגיין בליהענדע מאָרגנס מיט טוי

פאַר באַשעפניש און לייט –

– זאָלן זיי וויסן, אַז איך בין אוועק

אין תוהו ובוהו.

## מיין אומרוה.

אַ גרויסן טויבן אומרוה טראָג איך אין מיין האַרצן...
באָדט די שטאָט זיך ווען אין ביט אין שוואַרצן,
אין נאַכטן־ביט פאַרכלופּט ביז איבער אַקסל,
כאַפּט זיך אויף מיין אומרוה,
מיין טויבער תּם אין האַרצן.
כ׳דריי זיך דאַן פֿון איין זייט אויף דער צווייטער,
וואַרט אויף בלאָנזשען־שרעק פֿאַר מיר פאַרגרייטער.
עס נאָגט דער תּם אין מיר:
„אָט גייט ער,
„ער טראָגט דאָרט פֿאַר חטאים דיינע,
„טראָגט ער דאָרט אַ גרויסע טענה״.

איך ווייס: אין ווייט·
וואוביידע גרויסע אומות·
ערד און הימל זיינען זיך שוין נמאס
און ווייטערן זיך איינס פון צווייטן·
אין ווייט אין בלינד פארוועהסן—
שפּאַנט אַ מענש געפּעלצט
אין פּעלץ פון שטריק און סטרוכעס·
אין בליק אַ שטרענג־געדולד·
אין האַרץ א האַרטע שליחות·
עקשן־קראַפּט אין שפּרייזן זיינע·
ער שלעפּט מיט זיך צו מיר
אַ שווערע גרויסע טענה·

כ׳פיהל:
אין אַ נאַכט געהאַקט פון שטיינער·
ווען ס׳אַנטרינט פון דולער גאַס
דער לעצטער „איינער"·
אין נאַכט אזוינער
וועט אויפן זייד־געשטריקטן שימער
פון שטיק באַלויכטער וואַנט

ביי מיר אין צימער —
וועט אויף דעם זייד אַ וואָלקן זיך דערהויבן,
ער וועט אויפוועקן מיין טויבן,
מיין טויבן אומרוהי, וואָס וועט ברומען:
„זעה, דו זעה, „ער״ איז געקומען״.

און דאַן אַ פינגער־טריף אין מיינע שויבן
א שפּאַן באַלד איבער מיינע שוועלן
און מענש, דער ווייטער מענש, מיט גרויסער טענה
ער וועט מיט איר פאַר מיר זיך שטעלן.

וועט דאָס שטילקייט זיך דערשרעקן,
ווי מייז אַנטלויפן אין די ווינקלען־עקן,
און איך וועל ליגן אויסגעצויגן,
מיין טויבער תּם וועט קוקן מיר פון אויגן
און וועט די טענה־גיפט פאַרזויגן...

און שטילער, שטיל די ליפּן זיינע
וועלן בלוטיג טריפן מיר די טענה
פון זיין בלוטיג־האַרץ אין מיינעם.

מיין „שאַ״ וועט העכצנדיק אַנטרינען
און נאָך דעם אויך – מיין זינען;
און האַרץ אליין וועט בלייבן נאָר,
האַרץ אליין מיט גרויסן בראָך ..

## כ׳האָב נישט אויפגענומען...

כ׳האָב נישט אויפגענומען היינט דעם טאָג,
באַגעגנט קאַלט,
מיט שמאָלע הויכע אַקסלען
געבליבן פאַר אים שטיין,
מיינסט געוואַרט?... ניין:
אַזוי ביי אַ פייכטן טעלעגראַפן־סלופּ
שטייט זיך מיר און הערט זיך מיר:
קוליעט ערגעץ זיך א טויבער קנויל
אין בלינד־פאַרגייענדיגן הויל...
שטייט זיך מיר און הערט זיך מיר,
און ווינט ארום,
און הייזער שטייען און גאַסן גליווערן,

און ערד איז שטום,
און ווער גייט אום?...

ליגט גאָרע אייביגקייט געליימט, נישט גערײמט,
גליווער־פּוסט...
וואָס איז גרויסער פלעק,
צי קלײנער פלעק
מיט הויכע שמאָלע אַקסלען?...
שטייט איינער אָפּ אין גאַס,
אַ צווייטער,
און גייט אַוועק...

און פון אַנטקעגנדיגן הויז
האָט עמיצער מיט אומעטיגע וויזעס
אַרויסגעשיקט צו מיר אַ קינד: —
„די מאַמע רופט!"
און קליין, מיט יונגע אויגלאַך
שטייט מיר פאַר די הויכע קני:
„די מאַמע רופט!"

וואָס קאָן איך ענטפערן אַ קינד? —
כ׳האָב מיין דאַרע ווייסע האַנט אַראָפּגעלאָזט,
געפירט מיט וואַרמע פינגער־שפיצן
אויף קעפּעלע פון קינד,
ס׳האָט צו מיינע דאַרע קני זיך צוגעשפּאַרט,
מיט יונגע אויגלאַך
קינדיש־מאָנענדיג געבעטן:
„די מאַמע רופט״...
וואָס קאָן איך ענטפערן אַ קינד?

# אַ שווייגנס.

דוד בערגעלסאָנען.

איז קיינער נישט פאַראַנען אין מיין צימער,
ווער איך מונטער,
איך שמייכל אונטער,
און טאַנץ אַ שווייגנס מיט דער שטילקייט.
מיר דרייען זיך אין שטילער גרינגער ווילדקייט,
דרייען זיך — איך מיט שטילקייט...

זי טוליעט מיך און ווינטלט צאַרט אין אויער,
שכורט מיך מיט אויסזעהען איר גרויער,
איך ווער א תם
און דריי זיך גלאַט, ווייל ס'דרייט זיך.
נאָר באַלד אין שטילקייטס ווינקלען

אַ מורמעלע צעגייט זיך,
מיך באַרירט עס —
דערקען איך זיך, מיין שטילקייט,
טאַנצן מיר מיט גרינגער ווילדקייט,
אין טונקלער לופט, ווי טונקלע צייגנס,
טאַנצן איך מיט שטילקייט
אַ טיפן גרינגן שווייגנס...

עס מאַכט זיך:
איך קום אמאָל, און שטילקייט וויל מיך נישט דערקענען.
איך זוך מיך אָפּ אין אירע אויגן—
זעה איך — מיינע שלייפן ברענען,
און אויף די אויגן מיינע בליצן
שדים־פּערל, מאַרקן־בליצן.—
פאַרמאַך איך באַלד די אויגן מיר
און קער צוריק.
זי טוט אַ בליק
און שמידט אי מיך, אי טיר.
איך ווער געפּלעפּט
און קני פאַר איר ...

ווען איך דערוואַך,
איז הימל שוין אַ שוואַרצער דאַך,
איך און שטילקייט שטייען געאַרם,
די אויגן פייכט, די באַקן וואַרים.
מיר ציהען באַלד אַ מעשה־ליד
פון נעכט און רעגנס
און טאַנצן גרינג און לאַנג אַ שווייגנס..

## מיין בלאָנדע.

כ׳טו מיין וועג־מאַנטל אויס און איך טרייסל דעם שטויב
פון אים אָפּ,
דעם שטויב פון די ערדן און וועגן, וואו איך בין
געגאַנגען ביז הער,
איך און מיין בלאָנדע, מיין קינד,
וואָס איז מיר פאַרבליבן פון שרפה אין וואַלד,
מיין בלאָנדע, מיין קינד,
וואָס האָט מיר אין נעכט, אין פרעמדלענדישע נעכט
אין אויגן געקוקט.
מיין בלאָנדע, מיין קינד,
וואָס האָט מיר באַרוהיגט די קני,
ווען איך האָב די שטיינער אויף ווילד־פרעמדע וועגן
צעשטעלט...
איצט טו איך מיין וועג־מאַנטל אויס

און איך טרייסל דעם שטויב פון אים אָפּ –
איך ברענג איצט צו קבורה מיין קינד,
וואָס איז מיר פאַרבליבן פון שרפה אין וואַלד,
מיין בלאָנדע, וואָס האָט אין פרעמדלענדישע נעכט
אויף יעדער מיין טריט אַ ברכה געמאַכט –
ברענג איך צו קבורה אַצינד...
וואו זאָל איך מקבר זיין איצט
אַ בלאָנדע, אַ בלאָנדע אַזאַ?
זי קער זיך מיט אבות נישט אָן –
קיין קינד ניט פון ערדס שוואַרצער טראַכט.
וואו זאָל איך מקבר זיין זי?
צי זאָל איך דען אָנטאָן צוריק,
מיין וועג־מאַנטל אָנטאָן צוריק,
פאַרוויקלען מיין בלאָנדע אין דעם,
און טוליען דאָס קינד צו מיין ברוסט,
און פיהלן דאָס קינד ביי מיין לייב,
און לאָזן אין וועלט זיך אַריין
אויף ערדן, אויף וועגן באַנייס
גייען מיט בלאָנדע ביים האַרץ,
גייען מיט טויט אינם האַרץ?...

כ׳טו מיר מיין וועג־מאַנטל אָן
און לאָז זיך מקבל זיין שטויב
פון וויטערן שלעפּנדן וועג·


יונגע פרייד

## יונגע פריידי

כ׳דאַרף אַליין, אַליין נישט בלייבן,
קיין חשבונות כ׳האָב מיט זיך,
כ׳דאַרף קיין פריידן ניט פאַרשרייבן,
כ׳דאַרף קיין רוחות נישט פאַרטרייבן —
אין מיין טיפניש לעבּט נאָר—איך.

איך אַליין, איך בין אַ הוילער,
מיין געמיט — אַ גרוי פּאַפּיר, —
האַרץ מיינס, ס׳דאַכט, אַ שטאָם אַ פוילער,
ברעקלט שטאַם זיך, שאָרכט פּאַפּיר,
ווען איך בלייב אין שטוב, איך — הוילער,
אונטער האַרט פאַרפרעסטער טיר.

נאָר איך, הוילעֶר, וויל רעֶגירן,
זוך איך וועֶגן, דאַרף איך שטעֶט,
פיר איך פאָרעֶרס אויף פאַרפירן
און געֶפין זיי וועֶג און טירן,
זיך און זיי אָפט נייע פרייד.

וועֶר דעֶם סוד ווייסט פון פאַרלירן
און ווי פאָרעֶרס צו פאַרפירן,
בעֶנשט מיך, בעֶנשט מיט ליכט פון טירן —
„גרויסעֶר גייט! גרויסעֶר גייט!"...

## טאָג־בלוי

איז דורך אַ שפּאַלט אַריין דער דרויסן,
האָט אויף אַ בלעכל זיך באַזעצט,
ער שפּילט בלוי־זילבערדיק אין טונקלען צימער...
מיר זיינען קינדערלאַך געווען ביינאַכט,
געלעגן שוואַכינקע אין הענט פון שלאָף,
דערשראָקן גלויביקע פאַר גרויס פון נאַכט,
אַ קופּקע עופּהלאַך אין צימערס פּוסט,
ווי פּיצלאַך עופּהלאַך אין שוואַרצן שאַ...
רחמנות שוואַכינקע פאַר גרויס פון נאַכט...

...איז אַריין דער דרויסן, אויף אַ בלעכל זיך באַזעצט,
שפּילט בלוי־זילבערדיק אין צימערס פיר־עק, –

היי, ערוואַכט! –
איך בין איך, און דו ביזט דו, און ער איז ער,
יעדער האָט זיין וואָג און איז זיך שווער,
יעדער וועגט פון קערפּער־וואָג פיל מער, –
פאַרנעמט אַן אָרט אין פיר־עק פונם צימער.

שטייט אויף!
מ'קאָן שוין חוזקן פון דרויסן,
וואָס שפּילט בלוי־זילבערדיג אויף בלעך!

# מיין אוצר.

יוגנט האָב איך.
די יוגנט איז מיין גרויסער, גרויסער אוצר.
טרוימען דאָרט און דימענטן און שטראַלן,
ציהען, ציהען זונען־סטרונעס אויס,
שפילט מיט צאַרטע פינגערלאַך אויף זיי
מיין יוגנט־פרייד...

און אַז די הענטעלאַך פון פרייד
שיטן פּערעלאַך פון איינס אין צווייט —
גייט אַ טענצעלע אין מיר,
טריפט אַ רעגנדל אויף מיר —
מיין יוגנט־גליק...

נאָר, ווײ!
די שטילע טעג, די שטומע תּהומס שלוחים,
גנבענען זיך שטיל אײנס נאָך אײנס צום אוצר:
דער רײסט אַ פּערל אויס, און דער אַ דימענט,
דער כאַפּט אַ זון אַוועק, און דער אַ ימל, —
די פינגערלאַך פון פרײד, זײ בלאָנזשען,
זוכן סטרונעלאַך — און סטרונעס פעלן...
זײ רײסן בערג, די טעג — און ס׳בלײבן הײלן...

און, שוועסטער, ווײסט? —
מיר חלומט זיך אַמאָל אַ זאַל אַ ברײטע
מיט הײנגער אויף דער סטעל פון לאָמפּן־בליצן,
מיט שפּינוועבס אויף די ווענט פון גרויסע בילדער,
און אויף דעם בריק פון יונגע וואַלסן — קריצן!
און איך שפּאַן אום דאָרט, טרעף אַ ווינקל,
וואו ס׳ליגט אַ ברוסט אַ דאַרע,
איך קוק מיך אײַן אין ברוסט — זי איז פאַרשרפּהט,
אויסגעקושט דאָס האַרץ אין איר, זי איז אַ פּוסטע,
ליגט אין ווינקל, ווי אַ שאָלעכץ פון אַ ניסל.
מיר חלומט זיך אַזוי...

איך כאַפּ מיך אויף:
אוי!
אַ טאָג האָט מיך באַגנבעט...

און, שוועסטער, ווייסט?
ניט לאַנג ביך איך אַריינגעגאַן אין אוצר,
זיך געשטעלט ביי זייט און אים באַטראַכט:
געגלעט די בערגלאַך גאָלד, געציילט די פּערל,
דעם בריליאַנטן־בלענד געגאָסן איינס אין צווייט,
דערנאָך באַרירט די ווענט: דאַכט מיר אַלע שטאַרקע! —
ווי־זשע קומען גאָר גנבים אָט אַהער?...
אַזוי די ווענט באַריר איך, אַזוי שטיי איך און קלער.
און ווי מיר, שוועסטער!
מיין האַנט באַרירט אַ פּייכטעס.
איך קוק זיך איין — אָ, שרעק! —
אַ שימל־פלעק!
ביי מיר אין אוצר־יוגנט, אין אוצר־פראַכט —
אַ גרוס פון נאַכט...

## פאַרשפּעטיגט.

דער דרויסן איז היינט אָנגעטאָן אין גרויען.
אַ שאָטן פון זיין פאַלדנדיגן מלבוש
פאַלט אַריין דורך פענסטער ט׳הער אין זאַלן,
ער האַלט דעם אָטעם איין
אויפן וואַרטנדיגן טעפּיך...

צאַרטע!
עס שמעקן דיינע באָרוועס איידלע טריט אין זאַל
פאַרלאָזטן...
וואו ביזטו?
דער טעפּיך איז אין פאַרבן אַלערליי,
מיט געשטאַלטן אָנגעמאָלט פון בראַנדן־קעפּ —

פאַרדרייטער כתב: טאָטערש, טערקיש, יעראָגליפיש,
פיל געשיכטעס פון פיל פעלקערס צער.

ליגט אַ טרויעריגער טעפּיך מיט פאַרדרייטן כתב,
האַלט דעם אָטעם אַיין אויף אים דעם דרויסנס שאָטן...
בלייכן זיך, פאַרהוילן קליינע טריט...

צוויי טופליעס אויפן טעפּיך,
איין טופליע ליגט צעלייגט, דאָס נעזל מיידעליש פאַרריסן,
דאָס לעפּל אויסגעשטרעקט
די צווייטע טופליע צערטלען.
די קולקעס בליצן, בליצן, בליצן...
די צווייטע שטייט ברוגז־תּמעוואַטע,
די שנירלאַך ביז אַראָפּ צום טעפּיך,
קוקט פון טונקלער נאָז אַרויס
אַרויף, אַרויף צו סטעליע.

שמעקן אירע באָרוועס איידלע טריט
אין זאַל פאַרלאָזטן...
האַלט דעם אָטעם אַיין דעם דרויסנס שאָטן...

# שעצער.

י. דאָברושינען.

ווער קאָן שאַצן אונז, די שעצער? —
לאָמיר שטאָלצע שפּאַנען איבער גאַסן,
יום־טובדיגע פלעצער.
ס'איז צעפּויקט אין לאַנד־ירידים —
מיר זיין שעצער!

אַלע דרייען צו אונז אויס די קעפּ און העלזער,
מיט די אויערן, ווי מיט פעסטע הויפּנס,
האַלט מען ציטריג איין די ווערטער אונזרע,
און עס פיבערן אַקסלען, אַז מיר זאָגן: פּיבערן!
און אַז מיר זאָגן: זון! — באַצירט מען זיך אין ווייסן,
און שעמעוודיג שפּאַצירט מען זיך

ביים זוים פון רויטע גאַסן
אין לעבליך־בלוט פון זון,
אין בלויען שמאַכט פון אָוונט,
אין פיינגעפורעמט שיכלאַך
אויף יום־טובדיגע פלעצער, —
ווייל ס׳איז צעפויקט אין לאַנד,
אַז מיר זיינען די שעצער —
אונז קאָן קיינער שאַצן — אונז, די שעצער!

## שטיל און טיף...

...שטיל און טיף־טיף, ווי מיין שווייגן,
וועל איך מורמלען דיר אין אויער:
„מחנות מיידן, וואָלקנס מיידן
מיך אַ זייטיגן, אַ קליינעם.
ניט צו פלויטן, ניט צו וועגן,
ניט צו מאַרקן, צו געשלעגן,
כ׳קאָן נישט מיטגייען מיט קיינעם.

דער המון — מיין גזונטער פאָטער —
שטאַרקע גלידער, בלינדער ווילן,
שיקט אַ דולן צו אַ טאָטער
און פאַרשטייט אַ הינטיש בילן.

אָבער איך, אַזא מין איינער,
פון מיין גאַס אַרויסגעשטויסן,
ווי אַ שפּאָן אַוועק פון שפּענער
און אַן איינער אינם דרויסן...
איך, אַזוינער, קאָן זיך שלעפּן
מיט מיין טאַטן איבער סטעפּן
אויף זיין טראַקט צו גרויסע גיטער?
ניין, מיט הינדלאַך, מיינע גלייכע,
פּיק איך, קלויב, אויף הויכע שוועלן
פון אַ וועלט אין נעפּל ווייטן,
פון אַ וועלט, וואָס הויבט אָן העלן...



# מאַרקן

## כנופיות אַלטע...

כנופיות אַלטע, אָפּגעבליאַקטע פּרעש
אויף צעוואָרפענע, צעבראָכענע „פּידאַשקעס"
קוואַקען הייזעריג און קוואַקען אַלט
אין אויסגעוועבטן מאַרק אַריין, אין יעדן שפּאַלט.

דער הייזער־קרייז אַרום דעם מאַרק,
ווי הענט פאַרבראָכענע אין שווערן צער...
בליקן, ברעכן זיך, ווי אָטשערעט,
און קוקן אָפּגעהאַקט און קורץ און שטאַר.

איינער טראָגט א קעסטעלע אַרום
מיט מזל־נומערלאַך פון מענשנס גליק...

גלויב: אויף איינעם פון די בוידימער
וואַרט שוין לאַנג אויף עמיצן אַ שטריק.

מיט קליינע אויגעלאַך פון דולן מאַרק
וועט ער באַטאַפּן בלינד דעם שטריק און דאַך,
איך צי דו, באַמערקנדיג, וועט טאָן אַ טראַכט:
מיט קליינע אויגן טוט דאָך אָפּ אַ גוטע זאַך...

איך צי דו, באַמערקנדיג, וועט שלייכן שפּעט אַהיים,
און זעהן אַ טונקלעניש אין לאָמפּ, אין בעטגעוואַנט,
און בלאַנקען, בלאַנקען וועט אין קאָפּ אַ נאַכטגעדאַנק:
„דער לייטער שטייט דאָרט ביי דער אונטערוואַנט"...

כנופיות אַלטע, אָפּגעבליאַקטע פּרעש
אויף צעוואָרפענע, צעבראָכענע „פּידאַשקעס"
קוואַקען הייזעריג און קוואַקען אַלט
אין אויסגעוועבטן מאַרק אַריין, אין יעדן שפּאַלט.

## פון אַלעֶ פיר עֶקן...

פון אַלע פיר עקן צעוואָרפענער וועלט
דורך וועגן און געֶסלאַך, מיט מאָכיגעֶ טריט
קומען די נעֶכט אין געלאַטעֶטן מאַרק.
די נעֶכט, ווי אַ טשערעדע גרוי־טונקלע קעץ,
רוקן זיך שטילע דורך טויב־געֶנג אין שטאָט,
און טוען אַ כאַפּ זיך אריין אינם מאַרק
און בייכיג באַזעצן די ווינקלען פון מאַרק...

אַ הינטל אַ קליינס ווערט דער נביא פון מאַרק,
ער שטייט ביי דעם ראטהויזס אַ פלעקנדעֶ וואַנט
און לעֶקט פון דעֶר ערד ברעקלאַך פעטליכע זאַלץ,
וואָס מ׳האָט דאָ פון חזיר־פּלייש איבערגעלאָזט,

דערנאָך וועט ער בלינדליך באַשמעקן די וואַנט
און עמיצס פאַרשמאָלצטע פאַרשלאָסענע טיר,
און אָנהויבן קלאָגן, די אויגלאַך פאַרשנירט,
אַ גאַנצע נאַכט איינער באַקלאָגן דעם מאַרק.

אַ דולער דערפיהלט, אַז די נאַכט איז אין מאַרק,
קומט ער אַ קילער צו גיין אָט אַהער,
זוכט ביי די טירן פאַר דולן אַ דולס,
געפינט ער אַ שמאַטע, פאַרווייקטע אין פעטס,
שוואַרצט ער מיט איר די צעטריקנטע פיס
און מאַכט זיי פאַר שטיוול מיט בולפענעם גלאַנץ.
אַ גאַנצן טאָג דרייט ער אַ ראָד אין יריד,
איצט איז ער דאָ, ווייל די נאַכט איז אין מאַרק.

ציהט צו זיך מאַרק, ווייל די נאַכט איז מיט אים.
זיצן אַ דינסט מיט אַ דינער באַנאַנד
אויף איינעם אַ קאַסטן מיט שטיין־קוילן שווער,
און ציהען דעם אַלטן דעם דינערשן שמועס,
דעם גרייז־גרויען שמועס אין געלאַטעטן מאַרק...

## איך בין אַ קרעמער...

כ׳האָב אַ קראָם, איך בין אַ קרעמער,
אויף מיין קלייטל הענגט אַ שוואַרצע שילד,
האָב איך אַלטע קרעכצנדיגע שאָלן,
וואויגן ערליך, קרעכצן ווילד.

אויף דער שוועל זיין אָנגעקלאַפּט פּאָדקאָוועס,
ציקעט זיך אַ ביסל טאָג ביי טאָג,
קונים־מינץ אויף ביטערס און אויף זויערס,
ציקען מיר אַזוי – איך און וואָג...

נאָר אין אָוונט קומט דער גרויסער קונה:
דאַרער, שטומער פונם דאַרן וואַלד,

אַלץ באַגערט ער מיט די שטאַרע אויגן,
אַלץ באַטאַפּט ער מיט זיין שטאַרער האַנט.

כ׳קריך אין פּאָליצעס און נישטער,
רייס דאס שענסטע אויס פון אומעטום,
כ׳באַקללה מיינע ליבסטע סחורות:
אַלץ נאָר אים און אַלץ נאָר אים...

טאָגליך קומט דעם וועכטערס אַלטע,
לאַכט אין פּנים מיר און זאָגט: —
— זעה נאָר, זעה, דיין קראָם צעקריכט זיך,
מייז אַנטלויפן און די קאַץ פאַריאָגט...

כ׳גיי צום וואָג, באַטאַפּ די שאָלן,
קרעכצן פראָסטיג, קרעכצן ווילד,
רוה אין מיר: —
געווג נאָך שוואַרץ מיין שוואַרצע שילד.

## געמיטער.

ווער פֿאַרשטעלט זיך אונטער ווינטן,
ווער איז ווינט?
– הונדערט טויזנטער געמיטער
טאַפּן בלינד.

טאַפּן וועלט פון אַלע זייטן,
שריט און טריט,
זוכן דער וועלטס אָפּן פּנים,
טרעפן ניט.

לעבן־אויס און לעבן־איין,
זיי זוכן אום.

אפשר האָט גאָר וועלט קיין פּנים? –
אַלץ איז שטום.

אַלטער וועכטער – עובר־בטל,
ווייסט ער נישט.
אַלטן בוך מיט אַלטע מעשיות
גלויבן מיר נישט...

הונדערט טויזנטער געמיטער
טאַפּן בלינד,
שלייכן אום, און איך קום צו נאָך...
און מיין קינד...

נאָבּן

בּ. ר.

## רוה־לאַנד

האַר, מיין האַר, דו זאָג אונז, זאָג,
אַוואו דאָס רוה־לאַנד קריגן?
וועלט־משוגע ט׳אַלץ געזאָגט
און נאָר דעם סוד פאַרשוויגן.

האַר, מיין האַר, מיר שטעקן דאָ,
ווי הינט און היצלס וואָגן,
וואו איז דאָס לאַנד פון גרויסער רוה?
געמיטער דאַרשטן טאָגן.

האַר, מיין האַר, די גאַס איז דול,
זי שכורט אויס איר שפע,

ווײ דעם קאָפּ, דעם נאַקעט לײב,
פֿון פֿעלד קומט די מגפֿה.

האַר, מײן האַר, נישט קום אין גאַס,
זי װעט דײן שאָטן טרעטן,
גײ און פּלאָנטער־אױף דעם װעג,
דאָס רוה־לאַנד װעט אונז רעטן.

האַר, מײן האַר, אַנטפּלעק דײן שם! —
געמיטער דאָרשטן טאָגן —
װעלט־משוגע און אַלטע װעלט
דו לאָז אונז דאָרט באַקלאָגן.

האַר, מײן האַר, בין גרײז און אַלט,
װי אַלטע װעלט — איר נאָמען,
כ׳װיל אַ מעשה, כ׳װיל דײן „סאַ”,
אין רוה־לאַנד עטװאָס זאָמען...

## אויפן שכור־פּלאַץ.

„אַז די פאַנטאַזיע איז ניט אויסגעלייטערט
און נישט אויסגעבעסערט, קומט מען דורך
איר צו פאַלשע אמונות“.

רבי נחמן.

גיי נישט מיט דיין האַרצן אויפן שכור־פּלאַץ.
פריהער הער דיין גרייזע באָבע
וועגן גאָט און עולם־הבא
און די מעשה פונם שאַץ.
זויג איין טיף די אַל׳לעגענדן,
האַרץ פאַרשמיד אין זייערע ענדן,
גיי ערשט דאַן אויף שכור־פּלאַץ.

וועלן ליאַרמען שכור־ברואים
אַרום קאָפּ דיר, איבער קניען

קראַקען, קוואַקען –
זיי אַ גרויסער, האָב אין זינען: –
ערד איז טשערעפּ, אויף איר – שפּינען...

ביי דעם שכּור־פּלאַץ געזאָטלט
שטייען פערד צוויי אויסגעצייגן,
הפקר־פּייערדיגע אויגן,
אומגעדולד געשפּאַנטע שפּאַן –
אייל זיך, שכּור־מאַן!
ביידע פערד, זיי ווייזן ווייטן,
נאַרן דיך פון פּלאַץ צו רייטן,
זיי געהיט און האָב אין זינען: –
ערד איז טשערעפּ, אויף איר – שפּינען...

זעצסטו זיך אויף ערשטן זאָטל,
וועסטו בלייבן, ווערסטו בטל,
מעגסטו פויקן פערד אין זייטן,
ס'וועט נישט רירן, אָרט נישט בייטן,
טויט פאַר דעם איז ווייט און ערד –
ס'איז אַ טשערעפּענער פערד!...

טרעפּסטו גראָד צום פֿערד צום צווייטן,
ביזטו גרויסער! ווּעסטו רייטן!
אימפּעט פֿול און שווינדל פֿול
רינגלען וועלטן שטורמיש־דול,
בייטן ווייטן — טרוים אויף וואָר, —
אַ פֿאַרפֿאָר אין טיף פֿון יאָר,
קנעטסט זיי אויס ווי ליים ביז גאָר,
ביזט ביי צייט אין טיף, אין ווייט...
און ביזטו וואַך, —
טוסט אַ קער —
ביזט ביי באָבעס מעשהלאַך.

## באַהאַלטענע קאַץ.

באַהאַלטענע קאַץ!
כ׳שווייג אַזוי פיל, וויפיל דו,
כאָטש גייסט ווייך אַרום אין שאָטן פון מיין ראַש געמיט
מיט שאָטן־טריט,
מיט אויגן — ווייט־וועלטישע רוה...

כ׳שווייג אזוי פיל, וויפיל דו...
אויף מיין קליינעם אינזל, מיין זכרון,
וועלכער טונקלט חרובדיג אַרויס
פון נעפּלדיגן אויסגוס — מיין באַוואוסטזיין,
אויף דעם שוואַכן אינזל
קריכט אַמאָל אַרויף אַן אַלטע פּראָש,

קוקט זיך פויל אַזוי אַרום, טוט אַ פוילן קוואַ —
אויף דעָם פאַרשרומפּענעָם און אַלטן ביז־הער
קוקט זיך פוילער נאָך אַרום, טוט אַ צווייטן קוואַ —
אויף דעָם משוגענעם און נגזל איצט.
איצט און ביז־העֶר ווערן באַלד אין מיר פאַרשטומט,
נאָר קוואַ אויף אינזל מיינעם ווערן אויסגעקריצט.
כ׳הויב אָן זינקעָן אין אַ פאָרמלאָזער רוה
און —
כ׳שווייג אזוי פיל, וויפיל דו...

## האָט יעדער זיין קעסטעלע.

דוד האָפשטיינען.

האָט יעדער זיין קעסטעלע, האָט יעדער זיין שליסל,
זאָל ער נישט מיינען זיין סוד איז פאַרשלאָסן...

גייסטו אַרום גאַנצע טעג אין די מאַרקן
מיט קעסטעלע פעסטן אויף צעהן מאָל פאַרשלאָסן,
און קריגסט זיך מיט הענדלער און דינגסט זיך מיט טענדלער.
און שפּירסט אויף די ראָגן נאָך גייער פאַרדעכטיג,
און האַלטסטו דעם שליסל אין טונקל פאַרבאָרגן,
אויף שווייג־רינגען האַרטע צום האַרצן געוואָרצלט,
אויף וואַך שטייט דיין מוח און ניכטער געדענקט עס —
זאָלסטו נישט מיינען דיין סוד איז פאַרשלאָסן...

און טרייסלסטו אָפּ פון זיך טאָג אין די מאַרקן,
פאַרשלעפּט דיך דער אָוונט אין דיינע פיר איילן,
באַטאַפּסט דיינע ווענט און באַשפּירסט דיינע לאָדנס,
דו ציהסט דיינע הויטן פאַמעליך אַראָפּעט,
די טויזנטער הויטן, וואָס שיצן פון מאַרקן,
און עפנסט דיין קעסטעלע אויף מיט דיין שליסל: —
אַ הייפּעלע פרייד, אַ הייפּעלע לייד,
ווי טייבעלאַך צאַרטע אין פוכיג־געבעט
פון דיין האַרץ געוואַרימט,
פון דיין בליק געגלעט,
און צערטלסט די הייפּעלאַך ביידע באַגלייך,
און ווייסט — ס'איז דיין אייגנס, דיין אייגנס, דיין רייך ...

דו, עמיצער מענש און דו עמיצער ברודער! —
ביזט ווי אַ קליינינקער בלינדינקער הינטל, —
אונטער די הענט דאָך באַנעמט מען דיין אייגנס:
פאַר דיר, אַרום דיר, מיט אַ טרוקענער להוטקייט
שטייט דאָך דער וועלטס גרויסער קאַלטער מרגל,
אַפילו די שאָטנס פון דיינע פיר ווינקלען,
זיי שפּאַרן דיין אייגנס מיט טונקל אַרום

און ווינטלען אַ בלינדעניש אָן אויף דיין בלייכן געמיט·
וואו דו ביזט, דאָרט איז דער מרגל, באַנעמט דיך,
מיט קאַלט־דאַרע פינגער באַפליקט ער דיין אייגנס
און טראָגט דאָס דערנאָכדעם מיט טפלע ליפּן
אויף מאַרק און אויף ראָג···

האָט יעדער זיין קעסטעלע, האָט יעדער זיין שליסל,
זאָל ער נישט מיינען זיין סוד איז פאַרשלאָסן···

# מיין שפּיגל.

מיין שפּיגל אַ גלאַטער, אַ קאַלטער,
דאָך עפּעס אַ טיפּעס באַהאַלט ער...

ווען שטילקייט פאַרקילט ווערט אין ווינקלען פון צימער
און ס'קומט אָן דער אָוונט
מיט בלויאינקע אָדערלאַך־קומער, —
קומט אָן אַן אומעט פון טיף פונם שפּיגל
און נעמט זיך פאַרשפּרייטן
אויף בילדער פון ווענט,
אויף צעוואַלגערטע קליידער.

פול רוה איז דער שפיגלשער אומעט,
רוה פון שטיל־שווייגנדע קנוילן־געפיהלן,
וואָס רוהען אין אָפגרונט פון חלומשע הערצער,
וואָס זעלטן באַרירט זיי אַ ריר פונם זינען,
ווי איינער אַ צערטליכער טייבלשער פעדער, —
פול רוה איז דער אומעט, וואָס ציהט זיך פון שפיגל,
און טוקט זיך אין בילדער,
אין וואַלגרענדע קליידער.

און כאַפּט זיך אַ שטורעם אַריין אין מיין צימער,
געטראָגן אויף יונגע, אויף טענצלענדע פיסלאַך,
און פאַטשט ער, דער שטורעם, אין ווענט און אין סטעליע,
און טאַנצט מיט די שטול־פיס, מיט בענקלאַך אַ רונדע,
קוקט ער אַ פלאַכער, מיין שפיגל, אויף שטורעם,
קוקט אים אין פנים און שפיגלט זיין אימפּעט,
נאָר רוהיג פאַראומערט פאַרגייט ער אין זיך,
אין זיין ברעגלאָזער טיפעניש,
און לעבט דאָרט אַליין אין זיין בלויליכן דמיון,
און לעבט דאָרט פאַר זיך אין זיין בלויליכן דמיון...

און בלייבט ער, מיין שפּיגל, אליין אינם צימער,
זויגט ער זיך איין אין דער וואַנט, וואָס אַנטקעגן,
און קלערט פון דער גאַס —
קלערט, אַז די גאַס, און די גייער, און אַלע
האָבן קיין אויגן און קוקן דורך ברילן...



# נעכט

## שעֶלט זי נִיט...

שעלט זי ניט, די גאַס,
וואָס כוואַליעט אום
אין פרייד, אין שפּאַס.
שעלט זי ניט, די גאַס...

בּלייבּט זי שפּעט בּיינאַכט אליין,
ציהט זי זיך פּיינליך אויס,
דערלאַנגט דאָס פּעלד,
די שטילע ווייט,
און שווייגט איר האַרץ אַרויס פאַר וועלט,
איר אַלטע לייד —
פאַר טונקלער טויבּ,

פאַר האַרץ פון לענג און ברייט.

און וועמען האָט זי דען?
די שורה שטויביגע אַקאַציעס,
וואָס שטופּן אָפּ אַבי אַזוי די וועלט?
דעם אַלטן הונט,
וואָס נאָגט און שעלט
סיי זיך, סיי וועלט?

קלאָגט זיך גאַס פאַר שטילן פעלד
אויפן בטל־גייער פון דער וועלט,
אויף זיין צאַפּן פון איר בלוט
אויף זיין בטל־גייערשאַפט...

שעלט זי ניט, די גאַס,
וואָס כוואַליעט אום
אין פרייד, אין שפּאַס,
שעלט זי ניט, די גאַס...

## איך ווייס ניט גאָרנישט...

איך ווייס ניט גאָרנישט, גאָרנישט...
עפּעס שווימט אַ שיף פון איין ברעג, שווימט צום צווייטן,
כוואַליעס שפּרינגען נאָך און לעקן זי, באַגלייטן,
טייכס אַ מעשהלע אַ ווייס איז שיף, מסתמא,
וואָס ס׳האָט דעם קינד, דעם טייך, געשיקט דער ים — די מאַמע.
קיינער פירט די שיף ניט, קיינער, קיינער,
כאָטש עס זיצט דאָרט איינע, דאַכט, צי איינער, —
ווייל ווען לבנה איז ווי אַ פינגער־נאָגל,
מיט דער חתימה־בלאַס פון אייביג וואָגלען, —
הערט זיך דאַן ווי פּערל, ווייסע פּערל שמועסן
אין אַ בלייכן הענטל, פון לבנהס קושן,

עפּעס שמועסן:
...כאַפּן זי דאַן גרויע פייכטע שפּינען
. . . . . . . . . . . . . .
ס׳פאַרשטייט זיי נישט מיין האַרץ און נישט מיין זינען.

אויפן שפּיץ פון זעגלבוים דעם שטאַלטן
שטייט אַ ווייסע טויב.
ס׳קעפּל אונטער פליגעלע באַהאַלטן,
ס׳רינגלען אום די טויב פיל קראָהען שוואַרצע, שטרענגע,
רינגלען אום – אַ שוואַרצע שימערדיגע סטענגע,
עפּעס וועבן זיי, די קראָהען, נאַכט און שוואַרץ זיי שפּינען,
נאָר ס׳פאַרשטייט זיי נישט מיין האַרץ און נישט
מיין זינען...

איך ווייס ניט גאָרנישט, גאָרנישט...
עפּעס קומען נעכט און ס׳ווערט די שטאָט אַ האַרפּע,
שטאָט – אַ האַרפּע, און מיט דינע קאַנטן שאַרפּע,
יעדער מענש ווערט באַלד אַ צאַרטע זילבער־סטרונע,
פינקלט בלייך און ציהט זיך צו לבנה.
כ׳בין די עקסטע דאַן, די סטרונע גאָר די לעצטע,

זעלטן ווען ס׳רירט אָן האַנט מיך אַ געשעצטע׳ –
כ׳ברום נאָר׳ ברום נאָר׳ ברום פאַר מיינע שכנים׳
ווען נאָר ווייסע יונגע שדים רירן פון זיי איינעם׳
עמיץ שפּילט אויף אונז און גיסט און פליסט געפּיהלן׳
פאַנגט דעם טיפן הימל מיט אַ סוד אַ שטילן···
לבנה שפּרעכט אינמיטנדרינען···
נאָר ס׳פאַרשטייט אַלץ נישט מיין האַרץ און נישט
מיין זינען···

* * *

איך פאַרשטיי גיט גאָרנישט׳ גאָרנישט···
עפּעס איילן יונגע שטאַלטנע וועגן׳
טריפן שמאָלע סטעזשקעס בערג אַראָפּ׳
ווי לאַנגע שנירלאַך רעגן;
אויף די וועגן־יונגוואַרג בלאָנזשען בלינדע יאָרן׳
מיט די קרומע פיס פאַרבלאָנזשעט דאָ געוואָרן׳
רייטן בלינדע אויף קעץ׳ געשפּאַנט אין לייצעס׳
זיצן דאָך פאַרקערט: צו קעצן־קעפּ מיט פלייצעס;
איינע הענגען זיך אין זשוקלאַכס קליינע פליגלאַך׳

איינע כאַפּן זיך ביי הערנערלאַך
פון ערשט געבוירנע ציגלאַך;
איינע קריכן אויף די בייכער דאַרע, הוילע,
רירן מיט די ליפּן עפּעס, מיט די באַקן פוילע,
אַלע קריכן פאַר מיר דורך, שפּרעכן עפּעס העכער,
ווייזן מיר די אויגן שוואַרצע לעכער,
כ׳הער איין וואָרט נאָר:
„גיי נישט··· פאָר נישט··· פאָר נישט···"
און איך שטיי און ווייס ניט גאָרנישט, גאָרנישט···

## אָוונט·

באָסטיוסיאָן·

עס האָט דער טאָג זיין מידן קאָפּ דעם קראַנקן
אין קילן מערב־לאַנד אַראָפּגעבויגן·
ער גוסט דאָרט מיט קראַנקע ראָזע אויגן
און זופּט דאָס לעצטע מאָל אַ טרוים אַן אַלטן
פון זיין אויסגעוועבטער יוגנט···

דאָס לעבן שטייט מיט בראַנד־צעפלאַמטן פּנים,
קוקט צו מערב־לאַנד און קלערט: „אַ מעשה פּלא״···
דער טאָג האָט ציטערדיגע פינגער געלע
אויף פעלדער און אויף גאַסן אויסגעצויגן,
גיט די וועלט דער נאַכט די מלוכה איבער
ציטערדיג און גאָרנישט זאָגנד···

געפּלעפּטע שטייען בערג און שורות הייזער,
ווייסן קוים, אַז דאָ קומט פּאָר גאָר גרויסעס:
דער טאָג האָט פּיין זיין לעבן אָנגעהויבן,
אַוועק איז ער אַן אַלטער נאַר אַ גוסס...

שטיל און אָנגעגעם און קינדיש פּויל־בלייך
ליגט דער טייך פּאַרקלערט אין שטילע בערג אין גרויע,
גלייך עס ווייסט גאָר נישט זיין טונקלע ווייט די שטילע,
אַז אין זיין האַרץ דאָ זידט די שוידער־קראַפט —
די רגע פון לעצטן צאַנק און באַדנדיגע פרויען...

עס שטייט דער וואַלד, ווי אַן אויסגעקלוגטער בעטלער,
וואָס ווייסט אַ סך צו זאָגן, נאָר די וועלט איז נאַריש...
ער קוקט צו מערב־לאנד מיט מערבס־לעצטע פלעקן,
און סמאַקעט מיט די צווייגן קלוג אַזוי און גאריש.

ביים וואַלד אין טיף קרינט מען איצט די מלכה,
ס'פאַלדעלט זיך איר שלעפּ צווישן בוימער־בערן,
די מלכה קוקט מיט בענקשאפט אויפן מערב,
גלעט די טונקלע האָר און וויל פון גאָרנישט קלערן...

און עס קומט די מלכּה,
זי מישט אין בלויקייט איין אַ ראָזן כּשוף,
און הילט דאָ אַלץ און מאַכט דאָס אונטערטעניק.
עס ווערט די ערד אַ וואונדערלאַנד פון חלום,
און מענשן ווערן תּמימותדיקע טויבן,
גלייך קיין טאָג, קיין קראָם, קיין מאַרקן נישט פאַראַנען ..

און אַז די מלכּה שטיל אַליין פאַרגייט זיך,
דאַכט זיך:
עמיץ רינגלט אַרום ביים האָריזאָנט ביים ווייטן,
בלוי דער עמיץ איז און ווינטיק פריי און פול מיט שליחות,
ער הויבט מיט האַנט אַ פענדל אויף אַ בלויעס,
אויסגעשטריקט אויף דעם אַ סוד אַ טונקלער...
און ס׳לויפט דעם עמיץ נאָך אַ קינד אַן אַלטעס,
קוקט די אויגן אויס, לעשט זיין פונק דעם לעצטן –
עס לעכצט איין אות כּאָטש פון דעם סוד דערגרייכן...
דעם עמיצס אָבער פיס, זיי פּלאָנטערן און שווינדלען,
ער רינגלט אַרום ביים האָריזאָנט ביים ווייטן,
דאָס אַלטע קינד דערפיהלט שוין אַש אין האַרצן...
און אַז די מלכּה שטיל אַליין פאַרגייט זיך,

דאַכט זיך:
אַ מאַמע איז ערגעץ וואו געשטאָרבן,
אַ גוטע מאַמע מיט אַ בלייכן יונגן פּנים,
און ערגעץ צווישן בערג איר איינציג קינד איר גאָלדענס
קוקט אין מערב־לאנד דעם קראַנקן וואונדן־פּולן —
און בענקט נאָך איר, זיין גוטער בלייכער מאַמען...

און אַז די מלכּה שטיל אַליין פאַרגייט זיך,
דאַכט זיך:
אויף אַ פּוילער טרעפּ פון אַ שול אַן אַלטער
זיצט דער „דולער”, וואָס איז אַ ווילע קלאָר געוואָרן,
קוקט אויף די פאַרגרעבטע ווילדע פינגער
פון זיינע פיס די קרומע, מגושמדיגע, ווילדע,
און קלערט מיט וויי פון זיין בלינדן תּכלית...

און אַז די שטילע מלכּה אַליין פאַרגייט זיך,
דאַכט זיך:
ביי אַ קוואַל אַ נסתּר זיצט אַ יונגער פּרוש,
זיצט פאַרגליווערט מיט ווייטאָג־פולע אויגן,
אויף וועלכע ס׳ציטערט אַ טרער אַ לעצטע;

מיד פון וואַנדערן אין מדבר, זיצט דער פּרוש,
ווייסט נישט צי ער גלויבט נאָך, צי ער צווייפלט,
אַז געפינען וועט ער נאָך־אַמאָל
דאָס, וואָס וואַנדלט, וואַנדלט אָהן אַ נאָמען...

און ווייט אין הפקר־פעלדער, פון קיינעם נישט באַוואַכטע,
זאָגט אַן אַלטער גלאָק זיין לאַנגן שווערן „תחנון",
אַ מיטעלער – קלאַפּט זיך זינדיג פּאַר עפּעס וואָס „אשמנו",
און יעדן נעמט די מלכּה איין, אין איר אָוונט־שויס
פאַרהילט זי.

נאָר אָט דער ערשטער קעגנער פון דער מלכּה איז
געבוירן: –
דאָרט ווייט ביי אַ פּריץ האָט אַ לאָמפּ זיך אָנגעצונדן,
אַ ציטער טוט די מלכּה, דאָס פלעמל נעמט זיך וויגן,
ציהט זיך, הויבט זיך, קעמפט און ווערט פאַרלאָשן –
די מלכּה פרייט זיך:
דער בוגד איז געפאַנגען...
נאָר באַלד פון אַלע זייטן קרומען פלעמלאַך
און מיט אַמאָל – אַ מנין לאָמפּן ברענען...

די מלכה ציטערט, ס׳האַרץ אירס איז צעריסן···
טונקלער ווערט איר פּנים, טונקל בלוט טוט רינען.
אַ באָהיי טוט אַ רעווע — דאָס רייסט ער דאָרטן קריעה.
לבנה ווערט פאַראומערט און זוכט זיך אַש אַ פּליאַכע,
און אין זעק אין שוואַרצע טוען בערג זיך אָנ׳עט···
און אַז די מלכה שטיל אַליין פאַרגייט זיך,
דאַכט זיך:
זי וואַרט מיט קראַנקע בליקן
אויף ערשטן קריי און אויף מזרח־רויטלען···

## נאַכט־אומרוה.

הער זיך איין אין גרויסער,
גרויסעֶר מיט פון נאַכט...

ס׳איז דעֶר ווינט דאָ אויף דעֶר וואַך
און שלוכצט זיין ודוי, ווי אַ שמש,
מיט אַ טאָוול־בלעֶך אין פליאַמעס
פון אַן אַלט ירושה־דאַך...
אין די לאַנגעֶ שטומעֶ גאַסן,
אויף די גריבל סטעֶזשקעֶ־פאַסן,
לויפן קרום, ווי צווישן וואָרצל,
אויעֶר־געדרייטע מיסט־פאַפירן,
לויפן, גלייך זיי יאָגט פאַרפירן

כשוף־צונג מיט שם המפורש.
לויפן, לויפן אָט די זינדער
ביז פאַרשלאָגן זיך אין ווינקל
פון אַ פוסטער שטוב אַ בלינדער.

הער זיך איין אין גרויסער,
גרויסער מיט פון נאַכט...

...טרויערט נאַכט אויף אַל' אַרומעט.
ווער־זשע ווייסט דעם טיפן אומעט
פון דער גרויסער מיט פון נאַכט?
אפשר האָט זי גאָר אַ טריבן
רעטעניש פון מאַן איר ליבן
און זי מוז אַן ענטפער גיבן
ביז דעם ברודער־מאָרגנס פראַכט?
אפשר בענקט זי, בענקט אַ מידע
נאָך איר בלייכער בת־יחידה,
וואָס אַוועק אין טייך אין ברייטן,
טייך אויף נאַכט און וועלט צעשפרייטן,
מיט איר פנים מיט איר בלייכן,

מיט איר שטענדיגן שמייכל,
מיט אַ בלויען טרוים פאַרטראַכט?
ווער־זשע ווייסט דעם טיפן ווייטאָג
פון דער גרויסער מיט פון נאַכט?

הער זיך איין אין גרויסער,
גרויסער מיט פון נאַכט...

קלעמט איר הארץ און קלאַפּט זיך פאַר אַ טורעם
און מוסרט פיינענדיג דעם האַר פון שטורעם,
וואָס רייסט זיך פון זיין טורעם־הויזן
דער וועלט זיין פּאַטלע־טאַנץ באַווייזן —
ער האָט דעם טייך מיט געלן ברויז באַשאָטן,
ברוינעם שוים אין אים פאַרזאָטן,
אכזר־אייז אין אים פאַרזונקען
און אַלץ פאַרטרונקען, אַלץ פאַרטרונקען...

זיפצט די נאַכט,
און שטיל און שטיל פאַרגייט זיך...
רירט זיך ס׳האַרץ ביים הונט און ווייטאָג ווייט זיך.

שלייכט פון הויף פון פויערשן,
פון וואַרמען שויס דעם היימישן,
ער ציהט אַ טרייסט אַ לאַנגע, לאַנגע, שטילע
מיט שטומען וויי און שטומער תּפילה
דער מאַמע־נאַכט.

הער זיך איין אין גרויסער,
גרויסער מיט פון נאַכט...

## ווען ס׳ווערט די נאַכט אַ בוגרת.

ווען ס׳ווערט די נאַכט אַ בוגרת,
גיי נישט אום אַליין.

מיט אַ שפּרוך פון יונגע ווייען,
ווען אַ בלימל הויבט אָן שפּראָצן
אינם הערצל פון אַ קינד —
מיט דעם שפּרוך וועט נאַכט באַטויען
אין דיין זוניג־יונגן האַרצן
רויכיג בלאָנזשענדיגע ווייטן,
וועט זיי מאַכן שוואַרץ און בלינד...
מיט דעם גליה פון אירע גליקן
וועט זי ציהען דיינע בליקן

צו איר שוואַרצן שוידער־גלות;
ווען איר האַרץ פאַר דיר אַנטפּלעקן,
ווייזן אירע תּהום־געפּיהלן
און איר שוואַרץ און זודיק בלוט...

ווען ס׳ווערט די נאַכט אַ בוגרת,
גיי נישט אום אַליין.

## אַזאַ בלויע נאַכט...

ראָזען.

אַזאַ בלויע נאַכט...
אַזאַ בלויע נאַכט...

פאַרבאָרגן דער הימל אין תּהומישער טיף,
ער בויעט אַ טרוים דאָרט און חלומט אַ וועלט,
טריפט מיט אַ כשוף אַ טריף נאָך אַ טריף...

איך שטיי ביי אַ ברונים אַן אַלטן מיט מאָך,
אַ קאַץ, זאָגט מען, וואוינט דאָ אַ גאַנצענע וואָך,
נאָר שבת פון קאַץ גלייך אַ מיידעלע ווערט,
וואָס כשופט מיט אויגלאַך, מיט ליפּלאַך באַשווערט,
און זעלטן אין זומער אין בלויאינקע נעכט
נויגט זי דאָס קעפּל צום הימל און שפּרעכט.

דעם שפּרוך ווייסט לבֿנה, דאָס מיידל, נישט מער —
מיך שכּורט צו וויסן, טאָ קום איך אַהער.

איך שטיי ביי דעם ברונים און קוק זיך גוט איין,
אַ בילד דאָרט... דער קאַצס, צי דעם מיידלס, צי מיין...
סיף איז דאָס בילד, און אויף דעם קוקט פאַרטראַכט
אַזאַ בלויע נאַכט...
אַזאַ בלויע נאַכט...

דאָרט איז די שטאָט אַזוי פרום, אַזוי אַלט,
פּעסט מיטן טויער פאַר נאַכט־שלעק פאַרפראַלט.
ס'שטייט ביי דעם טויער אַן עמיץ און בעט,
קלאַפּט זיך אַ האַרציג, אַ שטילן על חטא,
ס'זעהט אים דער שומר פון רוה און ער טראַכט:
אַזאַ בלויע נאַכט...
אַזאַ בלויע נאַכט...

## ניטע, שוועסטער...

ניטע, שוועסטער, דרימל איצטער,
ווייל דער ווינט אָט ברעכט ער, קריצט ער,
און דער וואַלד טוט אָן אַ קאַפּטער,
און דער הימל וואָלקנס קלייבט ער,
אַך, אַן אָנפאַל וויל ער מאַכן,
אונז מיט וואַסער אויסצולאַכן. —
קוק, די וואָלקנס — ס׳אַ סכּנה,
לאָמיר רעטן די לבנה!...

קוק, אויף צפון, ווי אַ קאָטער,
אין אַ טייך דאָס קעפּל באָדט ער,
קושט זיך מיט אַ לויתן

און זיי שטותן··· און זיי שטותן···
ביידע איילן זיי זיך, רוקן
די לבנה צו פאַרצוקן···

ניסט, שוועסטער, דרימל איצטער,
ווייל דער הימל וויל ער – בליצט ער,
כאַפּט די שווערד באַלד פונם שייטל,
מאַכט אַן אָנפאַל פון אַ זייטל –
שלאָף ניט, שוועסטער, ס׳אַ סכנה,
לאָמיר רעטן די לבנה···

העלער
שאָטן

## איך בין צוגעבונדן...

איך בין צוגעבונדן צו מײן גרויסן הײנט.
דער דעמב, מײן פרײנט,
האָט מיר פאַרשמעקט מיט זײַנע וואָרצלען.

איך בין צוגעבונדן צו מײן גרויסן הײנט.
דער גראָב־אײזן, מײן פרײנט,
איז שאַרף, און ערד איז פײַכט און זאַפטיג.

זון, נישט זון! —
מיך שטאַרקט דער שמעקעדיגער הויף,
וואו בהמות קומען זיך צונויף.

און מיינע פעסטע פיס!
און מיינע שטאַרקע הענט!
כ'וואָלט אַ יונגן אָקס
דעם קאָפּ פאַרלענדט!

## שטיינער איינציגע...

שטיינער איינציגע, מיין קינד,
ציגל סטאַסנווייז צעוואָרפן
פאַר דער שוועל פון אונזער מאָרגן,
פאַרן קרייז פון אונזער גליק.

מיט שמייכל דיינס, מיט אַרבעלאַך פאַרשאַרט
לאָמיר פאַרמען אונזער ביידנס גליק,
מיר האָבן ביידע בליהענדיגע יאָר
און געזונטע אָדערן מיט לעביג בלוט.

זעה! איך פאַרוואַרף אַ קלעטערן־געשטעל,
מיט שטריק און ברעטער איינגעפּרעסט אין ווענט...

קינד, מיט דיינע און מיט מיינע הענט
וועלן מיר אויסטאָקן אַ שוועל...

און שלאַנק וועט זיין דער אויסגעבויטער טרוים,
ווי אַ גאָטיש טעמפּל־שפּיץ פאַרשפּיצט,
און מעשה־בילדער אויסגעשניצט
אויף יעדער ראַם און יעדער זוים.

און שטעל דיר פאָר: אין בין דאָרט דאָ,
און שטעל דיר פאָר: דו ביזט דאָרט דאָ,
און קיינער, קיינער מער נישטאָ,
נאָר ביידע פאַר דער ליוסטרעס פרייד
אין שוימיג וועבעכץ אָנגעקליידט
לייענען שטיל, אַהין, צוריק,
די מגילה פון אונזער גליק...

און דו גלויבסט דאָרט יעדן וואָרט,
און איך גלויב דאָרט יעדן וואָרט.

## אום מיטוואָך.

פאַר באַגינענדיגן שימער
רוהט מיין זויבערע אויף קלאָרן בעט.
עס קוקט אַריין דער טאָג אַ פרישער,
פאַלט זיין שיין אויף אירע אויגלאַך,
ווי אַ צערטלדיגער פעדער
גלעט זיי, גלעט...

אין פאַרטאָגעדיגן שימער
עפנט זי די אויגלאַך אויף,
טונקלען זיי מיט טונקלע פונקלען
אויף די פענסטער, אויף די חפצים,
אויך אויף מיר אַ פונק אַרויף...

פון אונטער קאָלדרע ריזלט שטיל
און קומט אַרויס אַ שמייכל;
קומט אויף ליפּלאַך,
וויגט זיך, שיינט.
זי ציהט מיר אויס אַ דרימלענד הענטל:
– איז שבת היינט?...
איז שבת היינט?...

אָ, מיין פּאָפּערקע מיין קליינע,
דו, מיט ווייסע דרימל־הענטלאַך,
מיט רויז־ליפּעלאַך פאַרבויגן,
ווילסט אַ יום־טובֿל, מיין קינד?...
היינט איז מיטוואָך... פּראָסטער מיטוואָך
גראָד אַצינד...

## דיין פערדל.

האָסט דורכגעשוועבט אויף דיין פערדל
פאַר מיינעם אַ פענסטער,
מיין שענסטער,
איך זוך דיך –
ביזט שוין ניט פאַראַנען.
נאָר אויף די גרינע קאַשטאַנען
פיבערט דיין אימפעט אויף בלעטער
און ס׳רויכערט דער שטויב אויף די ברעטער,
וואָס רוהען ביי מיינע שטאַכעטן.
ווייסטו?
מיר טרוימען זיך גלעטן,
די גלעטן, וואָס דו גלעטסט דיין פערד,

זיין האַלז און זיין רוקן, –
דיין פערד! –
כ׳וואָלט אין פורכט פאַר אים בוקן
געטרויט דעם מיין אַנגסט,
געררוימט דעם אין אויער אַזוי:
„טראָגסט מיין ליבן אויף מיין פעלד און מיין טוי
פאַר מיין טאָג און מיין בלוי,
און וואוהין ער קומט אין אָוונט,
וואו ס׳נאַכטלעגער טוט ער באַשטעלן,
ווייסט ער, ווי ס׳בענקען
איך –
מיינע שוועלן...“

## ווייַנסט פאַר מיר ···

ווייַנסט פאַר מיר און ווייַנסט פאַר מיר,
דיין מאַמע איז געשטאָרבן ···
און איך שטיי מיט גרויסע אויגן,
און איך קאָן דיר גאָרנישט זאָגן ···

ווייַנסט פאַר מיר און ווייַנסט פאַר מיר,
דיין מאַמע איז געשטאָרבן ···
קוק איך אינם וויַיטן מערב,
אויף די ווייַטע קאַלטע וואָלקן,
קלאַפּט מיין האַרץ דער פרעמד אַנטקעגן,
קלאַפּט מיין האַרץ דער ווייַט אַנטקעגן
און פאַר דיר איך האָב קיין וואָרט ניט.

וויינסט פאַר מיר און וויינסט פאַר מיר,
דיין מאַמע איז געשטאָרבן...
מאַך איך צו די גרויסע אויגן
און עס אָטעמען מחשבות:
„ווערט מיין שטאָלץ שוין קליינע פונקען,
פונקען ווערן אויסגעלאָשן,
פונקען ווערן אויסגעלאָשן,
ווי דער מערב... ווי דער מערב...״

וויינסט פאַר מיר און וויינסט פאַר מיר,
דיין מאַמע איז געשטאָרבן...
...גיי נאָך ווינט אין גליוועך ווייטן
איך צו מערב... ווייט אין מערב...

## חברה וואָלקן...

חברה וואָלקן, קומט אין פּאָלקן,
קומט דערשטיקן, קומט פאַרמעקן,
מענשן־בליקן, זונען־פלעקן,
און פאַרטונקלען לעצטע שטערן,
לעצטע פינקלען.
שיינט אַ פערעלע געדאַנקען —
וועט דאָס צאַנקען,
וועט דאָס ווערן גיך דערטרונקען.
חברה וואָלקן, קומט אין פּאָלקן,
קומט צעשטערן און נישט ווערן!
חברה שטראַלן, קומט באַפאַלן,

קומט די נאַכטן צו באַלייכטן,
און פאַרשפּינען האַרץ און זינען,
אין אַ שכורל אַ לייכטן.
קומט געפינען אַלע וועגן
צו די הימלען, וואו עס דרימלען
די, וואָס זיין פון ערד אַנטרינען,
און מע קאָן זיי נישט געפינען...

חברה שטראַלן, קומט באַשאַלן,
קומט באַגיסן מיט די פריידן
פון גן עדן;
לאָמיר בענשן און באַגריסן
אָט די ערד, דעם אַלטן זיידן,
און די מענשן.

איך בין וואָלקן, איך בין נאַכטן
פון אַ גאָט אַ שטום פאַרטראַכטן,
אַ צעשטערער, אַ צעברעכער,
מיט אַ האַרץ פון גאָלע לעכער.
איך בין זון־גאָלד, איך בין פלאַמען,

פייער־פּלאַקער מיינע שטאַמען,
און מיין ווייסן – קייט צעריסן,
און פון אַלץ דעם סוד געפונען –
כ׳האָב אַ האַרץ פון גאָלע זונען.

## מאַרט.

I.

באַפרייטע ריטשקעס לויפן,
און שטרייפלען זיך און שלייפן
ביים גלאַטן שטיינערדיגן קאַנט
פון טראָטואַר.
זון אַ גרויסע, אַ באַפרייטע,
די ווינטער־הויטן אָפּגעטרייסלט,
פּאָכט אויף ערד
מיט וואַרמע פּאָנען,
וואַרמע טוכן־ליכט און שיין.

און דורכגייער,
מיט פריש פּאַרקעמטע קעפּ,

פאַררוקסטע היטלען
שווינדלען מיט די הוילע הענט פאַר זון.

אַ ווינטל ציהט, דערמאָנט אין פעלד
און שפּילט, ווי הינטעלאַך,
מיט דורכגייערס פּיס און פּאָלעס.

דעם ערשטן פריהלינגדיגן שפּאַציר
מאַכן שילער.
די קינדער לאַכן,
זון גלעט די ציינדעלאַך
און גליטשט אין מיילעכלאַך,
און קיצלט צינגעלאַך,
און קיצלט וואַרים, —
עפּנען קינדערלאַך
פאַר זון די מיילעכלאַך
און לאָזן קיצלען זיך
און לאַכן, לאַכן קעגן איר...
זינס דער ערשטער פרייליכער שפּאַציר.

II.

איך וויל היינט נישט גייען
די טאָג־ראָד נאָך דרייען
אין שאָטן אין גרויסן
ביי מיה אונטער וואַנט.

איך וויל היינט דעם דרויסן
מיט הילכן באַפּלעקן,
מיט בליצן באַשטעקן —
און אויסשטרעקן יעדן
מיין ווייס שלאַנקע האַנט.

איך וויל מיט מיין הינטל
זיך הוידען און ווינטלען
אויף ברעטער, וואָס וואַרטן
פאר נייעם געבוי.
— דו, הינטל מיין צאַרטער,
דו ווייסט ווער שיקט בויען? —
ס'איז ווילן, באַגערן,
און טרוימען פון פרויען, —

זיי שיקן צעֶשטעֶרן
און בויען אויפסניי···

···און זון און מיין הינטל
מיר הוידעֶן זיך, הוידעֶן,
און קושן זיך דריי!

## העלדן־פריינט.

פאַלט ווען רעגן אויף מיין גאַס,
פאַלט ווען רעגן אויף מיין דאַך, —
פאַר די פענסטער פעסט, לאַכט
קויטיג זידעלדיגער טייך —
וואָס זשע, פריינט,
קלאָג איך זיך פאַר אייך?
פאַלט ווען רעגן אויף מיין גאַס,
שטייט ווען שאָטן ביי מיר איין,
אויף די חפצים שטאַרבט די שיין, —
כאַפּט אַ פיבער מיינע פריינט,
ווערן פרעמד און ווערן בלאַס,
ווערן שוואַכינקע אַ תל,

רוקן אַלעָ זיך צו טיר.
עפּעס שרעָקן זיך פאַר מיר,
מאַכן פּליטה פון מיין שוועָל,
פון מיין הויז און פון מיין גאַס.
גייט אייך, גייט אייך, העלדן־פריינט,
איך וועל בּייקומעָן דעָם היינט,
האַרץ מיינס איז שוין צוגעָגרייט, —
שלאָפן גייט!
טרעָפט פון אייך ווער חלום היינט,
גריסט אים ליבּליך, מיינע פריינט...

## מיין פריינט·

אויב דו קאָנסט זיך שרומפּן ווייטאָגדיג אין אַנגסט,
דורך אויגן אויסטריפן דיין האַרצענס צוואַנג
און ברומען מוראדיג מיט ווידערקלאַנג,
און מאַכן ליידן אויך דיין בייזן הײַנט —
ביזטו מיין פריינט...

אויב דו קאָנסט הייס־בלוטיג אויסציהען זיך אין גליק,
מיט ליפּן אויסטאָקן דיין שטאָלן־פרייד,
און פרייד־פול קושן תבואה־בייט,
און הירזשען, היפּן מיט דיין פאַרבן־הײַנט —
ביזטו מיין פריינט...


טונקלער
שאָטן

# כ׳וועל דיך איצטער גאָרנישט פרעגן...

...און עס טריפט פאַר זיך אַ רעגן...
קום אַריין, איך וואוין אַנטקעגן,
קום אַריין צו מיר און זיץ,
כ׳וועל דיך איצטער גאָרנישט פרעגן, —
אויב עס פרעגט דיך וואָס דער בליץ,
ווייז אים אָן אויף מיר אַנטקעגן...
...און עס טריפט פאַר זיך אַ רעגן...

כ׳האַלט פון לאַנג פאַרמאַכט שוין אויגן,
כ׳זיץ פון לאַנג שוין אַיינגעבויגן,
כ׳וועל נישט איינהערן דיין קרעכץ, —
ניט זיך גריסן, ניט זיך נויגן —
זעץ זיך לינקס, צי זעץ זיך רעכטס...
...און עס טריפט פאַר זיך אַ רעגן...

## זאָל גיין אַ רעגן...

זאָל גיין אַ רעגן...
זאָל ווינט מיטן שטויב זיך באַהעפטן
און שמייסן די גאַסן אין פּנים,
און זאָגן דעם שפּער: מיר האָבן שוין קרעפטן,
מיר קאָנען באַגיין זיך אָהן אים.

זאָל קומען דער פּחד פּאַמעליך,
איך וועל אים מיין זינען פאַרקויפן,
אים זיין וועט אין צימערל פריילעך,
ער וועט מיך דאָך האַלזן און זויפן...

זאָל אַלעס אַ פיבער אָנכאַפּן,
און שרעקן, און וויינען, און בליצן,
איך וועל מיר מיין חדר פאַרשליסן
און ליגן, צי זיצן...
זאָל גיין אַ רעגן –
סיי הימל, סיי ערד זאָלן ברומען,
מיין גליק וועט נישט האָבן קיין ברעגן –
צו מיר וועט דאָך קיינער ניט קומען...

## כ׳האָב געקלויבן...

כ׳האָב געקלויבן, כ׳האָב געקלויבן
אין מיין האַרצן פרייד,
כ׳האָב באַהאַלטן, זי באַהאַלטן
שטילערהייט —
כ׳האָב געמיינט: די זון, פאַרגייען
וועט זי רויט,
וועל איך קאָנען פאַר דיר שטייען
מיט מיין פרייד.
איז דאָך אָבער זון פאַרגאַנגען אַזוי בלאַס,
שטיי איך עלנד מיד מיין האַרצן אויף דער גאַס.

אפשר האָסטו, אפשר האָסטו דאָס געוואוסט,
אַז עס זאַמלט פרייד מיין האַרץ און ברוסט.
אַז פאַרגייען וועט די זון היינט בלאַס —
אפשר האָט פאַרגלוסט זיך דיר אַ שפּאַס,
דיר און זון עס האָט זיך דאָס פאַרגלוסט...

שטיי איך עלנד מיט מיין האַרצן אויף דער גאַס...

## קום נישט, מיין פריינט.

פֿראָסט האָט מיין קליאַמקע געפּעֶנטעֶט
און פראָסטיג פאַרחתמעט מיין טיר.
קאַלט־בלוטיג אויף וועלט קוקט מיין פעֶנסטעֶר,
אַזוי סתּם זיך קוקט דאָס אויף איר.

כ׳וויל איצטער קיינעם נישט זעהען,
איך וויל נישט זאָלסט קומען, מיין פריינט,
כ׳האָב געֶסט איצטעֶר – אומעט און שטילקייט,
מיין האַרץ איז פאַרנומען אויף היינט.

קום מאָרגן... אפשר נאָך שפּעטער,
ווען ס׳וועֶט זיך פאַרהוילן אין בלעטעֶר

מיין ביינקענדעס האַרץ שוין צוריק·
וועֶסט טרעֶפן מיין טיר דאַן אַ גרינגגעֶ,
צוריק אויך מיין שטימע די יונגגעֶ,
מיין הפקרדיג פרייליכן בליק···

## דורכגייער שמייכלען פון מיר היינט.

קוק פֿאַמעליך מיך אַרום פון אַלע זייטן,
דורכגייער שמייכלען פון מיר היינט.
קוק פאמעליך מיך אַרום, מיין פריינט,
אפשר זעהען אויף מיר עפּעס לייטן.

אפֿשר ווייסן זיי, אַז נעכטן, דאַכט,
צי איינעכטן בין איך געגאַן ביז שפּעט
און האָב פאַר ווינט אין פעלד גערעדט
און מיט מיין האַרץ געליבט אַ רעגן־נאַכט?

אפשר ווייסט מען שוין, אַז איך בין דער,
וואָס האָט דעם שטאָטזייגער פאַרהאַקט מיט ליים.

אפשר ווייסט מען אויכעט שוין דעם מיין
און אויך דערביי מיין טרער?

קוק פֿאַמעליך מיך אַרום פֿון אַלע זייטן,
דורכגייער שמייכלען פֿון מיר היינט.
קוק פֿאַמעליך מיך אַרום, מיין פֿריינט,
דערקענען אפשר אויף מיר עפּעס לייטן...

## קומסט מיט אַן עסנדיג פּנים···

קומסט מיט אַן עֶסנדיג פּנים
און לעסטערסט דעֶם מעֶנש און די וועֶלט,
טאַפּסט זיי אַרום מיט די גיפטיגע פינגעֶר,
שלעֶפּסט אויף זיי וואָלקן און דיר ווערט דאַן גרינג,
מיט וואָלוועֶלעֶ פריידלאַך דיין האַרץ ווערט באַקרעֶלט.

גיי דיר, אָ, גיי דיר, איך וויל דיך נישט הערן,
איך ליב נאָך אַ טויב!
איך האָב נאָך פאַר מזרח רויט פריידפולע טרעֶרן,
פאַר תמימותע ליפּן – אַן אויעֶר צו העֶרן,
פאַר רעֶגן – אַ לויב!

## ווייבער.

און זעהסטו אין דרויסן פאַר זון זיצט אַ רעדל פון ווייבער,
מען אַרבעט די זאָקן מיט טאַנצענדע פינגער,
מע שושקעט זיך, איינע צו צווייטער געבויגן,
און טרויריגע שאָטנס אין אויגן זיי שטייען, —
זיי ווײַסן, מיין ברודער און דו, דורכגייער:
ס׳וועט עפּעס געשעהען... ס׳וועט עפּעס געשעהען...

אַ נביאישער גייסט איז צעגאָסן אין ווייבערשע הערצער:
זיי קוקן אין זיי ווי אין אורים־ותומים,
זיי פיהלן אַ סוד און זיי ווייסן זיין פּתרון,
זיי שושקען זיך, איינע געבויגן צו צווייטער,
דו גייסט זיי פאַרביי און דו קוקסט זיך ארומעט,

דו זוכסט כאָטש אַ פּרענזל פון דעם, וואָס זיי ווייסן;
דו זוכסט און דו שרעקסט זיך און ווערסט שיר משוגע,
און ווערסט מיט אַ טיאָכקענדן האַרץ קוים אַנטרונען.

איך ראַט דיר, מיין ברודער, אין גאַס דאַן נישט גייען —
ס'וועט עפּעס געשעהען... ס'וועט עפּעס געשעהען...

## גאַס האָט מיך גאוה׳ש באַגעגנט·

גאַס האָט מיך גאוה׳ש באַגעגנט
און טרוקן געדריקט מיר מיין האַנט׳
ס׳האַרץ האָט געלעכצט איר פאַרטרויען׳
האָט גאַס זיך פאַרדרייט מיט אַ וואַנט·

כ׳בין אַ פאַרקלערטער געקומען
פאַררייידן מיין בראָך פאַר דיין בליק·
זאָגט מיר דיין שוועל – ביזט אַ האַרטע׳
און טרייבט מיך און טרייבט מיך צוריק·

דו האָסט אין דיין צימער קיין שפיגל׳
נאָר בייראָנס אַ בילד אויף דיין וואַנט·
דיין צימער האָט קאַלט מיך באַגעגנט
און טרוקן געדריקט מיר מיין האַנט···

## מוצאי־שבת·

״גאָט פון אברהם, פון יצחק,
פון יעקב, דער הייליגער
שבת גייט אַוועק״···

טו אויס דיין לייכטע שבתדיגע קלייד,
ס׳האָט אויסגעוועבט אין גאַס
דער לעצטער טריף שבתדיגע פרייד···

אויף דורכגייערס אַקסלען קריכט די וואָך,
ווערן זיי באַלאָדן — אָקסן אין אַ יאָך —
אָפּגערוהטע פערד דערשמעקן קאַלטס
און שלעפריג ענדיגן אַ פערדישן געדאַנק —
אין טונקלען אונטערגרונט פון האַרץ טוט עפּעס באַנג···

טו אויס דיין לייכטעָ שבתדיגעָ קלייד׳
אַ טונקלער „באַ״ גייט אַרום און גייט׳
באַצווינגט מיט שווערס די שטאָט פון אל׳די פיר׳
באַצווינגט די שיין־מזוזה אויף דער טיר׳
דעם ארון קודשס שווער געמיט׳
מיין באָבעס טריט···
טו אויס דיין לייכטעָ שבתדיגעָ קלייד׳
נעם אַ טונקלען טוך און שטיל ערהייט
דעק דעם שפיגל צו: —
דער שבת קודש איז אַוועק זיך אין זיין רוה···



# צאַר שדים

## פאַר שדים.

I.

„שדים ווייסן״...

אויך פאַר שדים, אויך פאַר נעכט,
האָב איך לידער, לידער כ׳פלעכט,
כ׳שענק זיי לידער אַ באַציר,
יאָגן זיי זיך נאָך נאָך מיר.
כ׳בין איצט חתן פון אַ נאַכט,
וואָס אַ לץ האָט מיר געבראַכט,
ער האָט זי ביים ים דערטאַפּט,
מיט זיין צינגל זי געכאַפּט,
ליליתס טייכן זי געשוועוונקט
פאַר אַ כלה מיר געשענקט...

גלויב איך מענשן שוין קיין וואָרט,
ניט אָ־דאָ און ניט אָ־דאָרט,
ניט דער זון און ניט דעם טאָג,
ניט דער ראָד און ניט איר יאָג,
ווייל זיי אַלע, קליין און גרויס,
וואַרטן עפּעס, קוקן אויס;
ווייל איך, חתן פון אַ נאַכט,
האָב מיט שדים שוין פאַרבראַכט,
און געזעהן, ווי לעבן־טראָפּ
טריפט און טריפט אין אייביג טאָפּ...
גלויב איך אַלעמען ניט מער,
נישט אַהין און נישט אַהער,
אַלץ פון לץ איז אויסגעלאַכט —
כ׳בין אַ חתן פון אַ נאַכט...

II.

איך בין אַריין אין בלינדער הייל, אין בלינדער קעלט.
נ׳פאַרבאָרגן לאַנד, אין שדים־וועלט
האָט אויסגעוועבט דער הויך פון ליכט...
פון גאָר מיין בליק און מיין געזיכט

האָט אויסגעשריי'ן סמואלס וואָרט,
האָב איך דערקענט זיך זיצן דאָרט.

האָב איך געזעהען, ווי פון האַרץ
אַן אַלטן שדס, אַ שוואַרצס,
עס וואַקסן גראָזן דריי אַרויס,
אַ שוואַרצס, אַ בלאַס, אַ בלויס...
דאַן שריי איך: – „שד! – זעץ אויף אַ טיר!"
באַפעל איך: – „שד, פאַרטייטש דאָס מיר!"

„– פון שוואַרצן בליהעכץ – קומען סמואלס נעכט,
זיי שפּרינגען איינס נאָך איינס, ווען אים ווערט שלעכט –
ווען ער זיך באָדט אין טייך פון כעס...
און לילית נעכט – פון צווייטן, פון דעם בלאַס,
זי טאַנצט אויף חתונות אין זיי,
פון שד מיט מענש, פין הימל־רויטס מיט שניי...
דאָס דריטע? – ס'איז שדן־עהרע בליהט,
דעם שטאַם פון שדישער יצירה ציהט,
דאָס טריפט מיט שוואַרצס בייטאָג
אויף זונען־גאָלד אַ קלאָג,

און נאַכט ביי נאַכט ס׳בליהט מיט פּערלען אויף,
סמואל לויפט און קלייבט זיי אַל צונויף,
און שמידט זיי אַיין אויף לילית שטאַרקער ברוסט,
וואָס שטורעמט הייס און שטרעקט זיך אויס מיט גלוסט,
און אויב אַ פּערל פאַלט פון לילית גלוטן־שוים,
זינקט ער אין אֵין־סוף און ווערט אַליין אַ תהום...
דאָס איז גראָזן דריי, דאָס איז טייטש פון זיי,
זינג אַ לויבגעזאַנג פאַר גראָזן דריי״.

III.

אויף מיין שדיש זאַמדיג פלאַץ
אין אַ רעדל טאַנצט אַ קאַץ,
טוט אַ חנדל, טוט אַ שטרעק,
שפּילט זיך מיט אַ פאַווע־עק...
ס׳האָט אַ שד אין גרינער נאַכט
איר אַ שאָטן־בער געבראַכט,
קאַץ האָט באַלד מיט רויטער צונג
לעק טיק־טאַק געמאַכט אַ קלונג,
און באַלעקט דעם שאָטן־בער,
איז דער בער צונישט שוין מער...

קומט דער קאָטער אויף אַ ווינט,
ברענגט אַ שאַרבן פון אַ קינד,
טוט אַ בליץ און טוט אַ שפּרונג,
שטרעקט אַרויס די קאַץ די צונג,
גיבן הימלען אויס אַ שאָס,
וואַקסט אין רעדל אויס אַ שלאָס,
איז דער שלאָס פון מענשן־ביין,
אויסגעצעציקלט ביין און שטיין.
און פון הערצער־בלעט – די טרעפּ,
אָפּגעפּוצט מיט מענשן קעפּ.
זיצט דער קאָטער האַלב צעלייגט
און מיט קאָטער־שטימע פרעגט:
„– לעבן דען נאָך פרעהס קיה
צווישן קראַנקן מענשן־פיה?"
„– „אָ, זיי לעבן", שטרעקט אַ קאָפּ
פון אַ תהום מיט האַרטן טראָפּ.
„– לויפט זשע, לצים, שדים, איילט,
און די ראָזע־צינגער פיילט,
שווערט זיי מיטן גרינסטן וואָרט,
אפשר טרעטן זיי אָפּ פּאָרט...

הייַ, אַ תהום־ליד ברענגט נאָר באַלד,
רירט אייך, רויטע זינגער, שאַלט,
איך בין שוואַך, ווי מענש, און מיד,
גיט אַהער דאָס גיהנום־ליד״...

און עס דרייט זיך הימל, ערד,
טאַנצט מיט רויטער שאַרף אַ שווערד.

# מענש

## דו, וואָס גייסט מיר נאָך ...

דו, וואָס גייסט מיר נאָך פוס־טריט;
וואָס געדענקסט מיך,
ווען איך פאַרגעס זיך;
וואָס היטסט מיט אייביג־בליקן
מיין צעשטראָמט לעבן;
דו, וואָס געדענקסט מיין טאַטן
און וואַרטסט אויף מיין קינד —
דו אייביגער פאַרבאָרגענער פריינט! —
באַוויליג מיין באַגער:
ניט ווייַז מיר מיינע אָפּגעלעבטע לעבנס ...
אַלע מאָל איז טאָג געוואָרן —
בין איך שוואַך ...

אַלע מאָל, פון קינדווייז אָן,
אויף די ראָגן בין געשטאַנען,
אַלע מאָל האָט שוואַך זיך דורכגעשלייכט
די יאַטרעדיגע וואונד,
האָב איך מיט גאַל געשפּיגן
אויף יעדער ראָג,
אויף יעדער ראָג...
אַלע מאָל איז טאָג געוואָרן –
בין איך שוואַך...

פריינט!
פאַרשטעל פון מיר דעם אָפּגעלעבטן טאָוול,
פאַרשטעל עס מיטן קרומען פנים
צו גרויסער וואַנט – פאַרגעסנהייט!

פריינט!
פון אדמען ביז היינט
האָב איך נאָך אַלץ איין קאָפּ, איין האַרץ,
פון אדמ׳ען ביז היינט
נאָך אַלץ אַ טונקעלע,

אַ טונקעלע נשמה···

און אלע מאָל איז טאָג געוואָרן –

בין איך שוואַך·

פאַרשטעל פון מיר מיין אָפּגעלעבטן טאָוול

צו גרויסער שוואַרצער וואַנט – פאַרגעסנהייט·

## עשו

עשו,
באַוואַקסענער, געבענשט מיט שמעקנדיקן פעלד!
דיר קומט פון מיר אַ גרייזער חוב,
ער ליגט פאַרזונקען אין מיין טיף,
באַגראָבן אין מיינע פאַרשאָטענע אוצרות...

עשו,
שטיל, הינטער דיינע פלייצעס,
שטיל האָב איך געזויגן די ריחות פון דיין מזל,
דאָס קרעפטיקע געטראַנק
פון דיר, עשו, שמעקנדיקן פעלד.

עשו׳
האָריגער׳ מיט בלינדן טאַטנס ברכה
אויף וואַלדן־קאָפּ׳
אויף מילדן׳ בלאָנקען —
מאָן מיך ניט אַצינד··· מאָן מיך ניט אַצינד···
טראָפּנווייז דיינס איז איינגעזונקען
אין מיין גרייזן אומעט.
טראָפּנווייז אויסגעהויכט
מיט אַלע מיינע טויזנטער נשמות׳
אויף אַש פון גאַנג׳
אויף אַש פון זיין···
עשו׳
אויף ברייטן ברייטן פיינען־פלאַך פון שימל־אוראַלט
איז אויסגעשפּינס׳
אויסגעשטיקס׳
אויסגעשטריקט
מיין אור־אַלט האַרץ׳
מיין גרייזער טרוים׳
מיין טונקל־גלאַנציק קוקן···
זוך דאָרט׳ זוך···

עשו׳

קער זיך אָפּ פון מיר צו דײַנע שעפּסעלאַך׳
צו דײַנע שמעקנדיגע קוואַלן׳
לייג אַרויף דײַן האַנט אויף זיי׳
דײַן האָריג אַלטע האַנט...

## מיט מיינע יונגע...

מיט מיינע יונגע, ניט־דערוואַקסענע פֿעדערלאַך,
אין טונקלעניש,
פֿאַר טונקלעניש, —
זיץ איך אויף מיין הויכן דרימל־לייטער —
פּיפּס, פּיפּס: —
„אוראַלט, אוראַלט,
„מיט לעגענדע, מיט פֿאַרוועבטע אויגן,
„אוראַלט, עלטסטע —
„זאָג, ווער זיינען מיינע עלטסטע טאַטע־מאַמע? —
„ווער זיינען זיי?
„וואו זיינען זיי?"
„— ניין, חלילה —

„ניט זיי שעלטן,
„ניט זיי בענשן,
„שטילינק־שטיל זיי איבערגעבן
„אין די אוראַלטע מאורות: —
„— טאַטע עלטסטער,
„מאַמע עלטסטע, —
„כ׳בין אין סאַמע מיטן אָוונט,
„צימרינג־געדעמפטן
„אָוונט, אָוונט; —
„הילן מיך די ווייכע פעדערלאַך,
„הויבן מיך די יונגע פליגעלאַך,
„און פון שטאַפּל
„אויפן צווייטן
„הויב איך אויף זיך,
„הויב איך אויף זיך איבער אָוונט —
„העל איז, העל איז — איבער אָוונט! —
„טאַטע עלטסטער,
„מאַמע עלטסטע,
„וויל איך וויסן:
„— ווערמענס שורשן

„זײַדיק־גרײַזע
„אָטעם־אָטעמען אין מיר?...
„– װעמענס שטילע טריט
„הילכן העלע אָפּ
„און ציטערן אין מײַן געמיט?"

– זיץ איך אויף מײַן הויכן דרימל־לײטער –
פּיפּס, פּיפּס,
קומט אַמאָל אַ גרײַז־געװיטער
אויף הויכער הויך,
װיגט זיך אום.

# אויף דער קינדער־גאַס.

אויף דער קינדער־גאַס,
ביי די העלע קינדער־הייזער
האָבן סעדער
פריה'ר פאַר אַלע בליהען אָנגעהויבן.
פריה'ר פאַר אַלע
אומגעקערט זיך
מיט די פירות,
מיט דער יוגנט,
צו די העלע קינדער־הייזער.
אין מיינע גאַסן,
אויף מיינע שטיינער־הויקערס,
קוקן אויס די אויגן זיך

װאָלקן־פֿויגלען,
– קוקן אויס די אויגן זיך...

– אין מײַנע גאַסן
שלעף איך נאָך מײַן אומגעלומפּער.
כ'האָב דינע פּיסלאַך,
כ'האָב װײכע אַקסלען,
כ'האָב יונגע װײ־טעג –
שלעף איך נאָך מײַן אומגעלומפּער...
– װעלכן טאַטנס? –
– װעלכער מאַמעס? –
מיט װײ, מיט װײטאָג
רײַס איך שטיקלאַך
אומגעלומפּער
און װאַרף אויף שטײנער־הויקערס,
כ'װאַרף די גאַסן, –
– מײַנע גאַסן. –

אַ פֿאַרקירצטער,
אַ פֿאַרשמאָלטער,

מיט ווײַטאָג־ווינטלאַך
אַדורכגעהויכטער —
קום איך אָן אין קינדער־גאַס: —

אויף די ווײַסע טראָטואַרן,
וואַר׳מע,
וואַר׳מע טראָטואַרן,
ליגן קינדערלאַך און דרימלען,
ווײַסע וואָלקענדלאַך,
וואַר׳מע וואָלקענדלאַך.

אַלע שטאַמיג,
אײַגנלײַביג! —

נאָר אין מײַנע אַלע הערצער
איז אײַנגעוואַקסן,
אײַנגעאָדערט
וועלטיש־פרעמדער אומגעלומפּער!
— וועלכן טאַטנס? —
וועלכער מאַמעס? —

## פון גרויסן שאַריען...

פון גרויסן שאַריען
בלאָזט אויף מיר,
שטראָמט אויף מיר
בלענדענדע העל;
פון שוואַרצן פאַרגייען
הויכט אויף מיר,
דעקט אויף מיר
שטאָק־שוואַרצע וויסט.

און ווינטן פון אַל',
און ווינטן פון גאָר —
אויף רעדל מײַן קליינס.

אויף בינטל מיַינס יאָר.
איך אויף מיַין וועלט
אַ שטיינדל אויף שטיין...

זאָג איך מיר איין מאָל:
כ׳האָב נאָך אַ שמייכל,
כ׳האָב נאָך פיר עקן
אויף לעבן און קוקן,
אַ הויכינקע שוועל.
איך בין נאָך די גרויס דאָ,
די מיט און די עקן,
פאַר בינטעלע בלינדינקע יאָר
איך וועל קלעקן.
וואָס פעלט נאָך? וואָס פעלט נאָך?
וואָס פעלט? —

בלאָזט אויף מיר,
שטראָמט אויף מיר,
בלענדענדע העל
פון גרויסן שאַריען.

הויכט אויף מיר,
דעקט אויף מיר
שטאָק־שוואַרצע וויסט
פֿון שוואַרצן פֿאַרגייען...

## כ׳האָב ביי מיר אין דר׳היים . . .

כ׳האָב ביי מיר אין דר׳היים אַ שטיקל גלאָז —
וואו אַ טיף געפּיל,
וואו אַ סודות־שפּיל,
וואו אַן אונטער־גרונט
פון ביינקעניש און ציהען —
שפילט און טריפט און טיפט
מיט ציכטיג צאַרטע גליהען
אין דעם מיינן שטיקל גלאָז.

ס׳איז פאַרפעלט פון מיר
דער יום־טוב פון מיין פאָלק,
דער יום־טוב פון מיינן קלאַס.
עלנד בלייבן זיי אין זייערע אבדות . . .

ווייל: —
אַל׳ געזאַנגען מיינע זינקען איַין
אין דעם שטיקל גלאָז.
פעסטער פון אַלע איכ׳ן מיַינע,
שטאַרקער פון די טרויערן, יום־טובים
פון מיַין מעכטיג וואַקסנדיגן קלאַס —
איז קראַפט פון דעם
מיַין שטיקל גלאָז.

איך ציה צונויף
מיַין צעשטראָמטע, צעפלויגענע נשמה,
מיַין צעלאָפן יונג לעבן,
איך זיץ מיט זיי,
איך זינג מיט זיי —
פאַר מיין שטיקל גלאָז...

# איך לעבֿ אַזוי...

דודן.

איך לעבֿ אזוי:
מיט שטיקלאַך זאַפטיג ערד אויף אויגן,
מיט ערד־פאַרלעגטע אויגן
נעם איך אויף
די שאָטענדלאַך פון אַלע פאַרבן,
די אַלע פאַרבן
פון גאָרן הימלדיגן רעגנבויגן,
און וויג מײַן האַרץ
אויף זייער שימער־וויג
און וויג מײַן זעהענדיג געמיט..

איך הויב די ערד־פאַרלעגטע אויגן אויף,
כ׳פּרוב מיט זיי דאָס רוים־געוועבֿ,

כ׳שמעק מיט זיי די רוימען־טיף
און נעם אַרום דעם רוימען־גאָט···
איך וועגד זיי ׳הער׳ אויף ערד׳
כ׳זעה די אָדער־קניפּעלאך פון צווייַגן־הויט –
ווי זייַ ציהען׳ בלינדע׳ זיך
און שליסן זיך·
צעטראָגן פרייד׳
בלינדע פרייד
צו בליהענדיגע קעמערלאך·
איך קניפּ זיך צו
און טראָג די פרייד מיט זיי···
אַלע׳ אַלע׳ צאַפּלענדיגע׳
קאָלירנדיגע זיידעלאך׳
וואָס הוידען ארום מיר –
נעם איך דורך
און פלייץ מיט זיי –
בלענדענדיגע איבערפלוסן
אויף מוטערפערלדיגן אַל׳
אויף מוטערפערלדיגן גאָר –
איך מיט מיינע ערד־באַלעגטע אויגן·

זייטיגע! — מיט שפּאַקטיוועלאַך,
שפּאַקולן,
מיט קאָלירנדיגע פּרוב־גלעזלאַך,
גייט אוועק! —
גייט וועבן נעצן אייך,
גייט פּענטען שלייפעלאַך
פאַר כוואַליענדיגן,
קוועלנדיגן,
כלינענדיגן —
לעב־קוואל,
טויט־קוואל...
לאָזט —
איך גיי ארום מיט שטיקלאַך זאַפטיג ערד אויף אויגן.

## גאונים.

אין אויסגעטיפּטן,
אויסגעלייטערטן שימעריי,
וואָס ציהט זיך העלנדיג
פון אייביגס ערשטן ריר,
וואָס ציהט זיך קלאָרנדיג
ביז אייביגס לעצטן ריר —
אין אויסגעטיפּטן,
אויסגעלייטערטן שימעריי,
קומען זיי זיך שטיל צונויף —
יעדער גרעסטער גאָון פון זיין פאָלק,
יעדער טיפסטער אָטעם פון זיין פאָלק,
קומען זיי זיך שטיל צונויף...

שטעקן אַיין די פאַרשיידנפאַרביגע,
פאַרשיידן־לענדערישע שטאָקן־שפּיצן,
שפּיצן אַיין
אין גאָלדנדיגן פלאַקערדיגן פעסט־רינג —
זון —
ווערט פאַרוואָרפן
דאָס גרויסע,
קלאָר־שייַנענדיגעביידל
אין אויסגעלייטערטן,
אויסגעטיפטן שימערייַ.

יעדעס פאָלק —
קלייִנינקע,
בייַ־דר׳ערדיגע,
טונקלינקע,
מיט אָנבליקן צוגעשלאָגענע,
דרייִען זיך אַרום,
יעדערער אַרום זייַן גאון,
אַרום זייַן שטאָק, —
מיט פינטלדיגן קוקן,

מיט געוויינטן גייען,
דרייען זיך און דרייען
אַן אויסגעשטעלטן גאַנג...

די גאונים
פון זייערע ערטער
קוקן זיך איבער
אין שימער אויסגעבלויטן;
יעדער מיט זיין אייגן־לייכטנדיקן בליק,
אייגן־פליסנדיקן אומעט,
אייגן־אומעטיקן בליק...

יעדעס פּאָלק,
טונקלינקע,
מיט פינטלענדיקן קוקן,
מיט פאַרוויגטן גייען,
גאָרניט צו דערזעהן,
גאָרניט צו דערגייען,
דרייען זיך און דרייען
אַן אויסגעשטעלטן גאַנג...

ווען גליהענדיג,
פלאַקערדיג
ווערן ערדן, שטחים,
געצלמט און געקרייצט, —
ווען אויף תּבֿואה פעלדער
וואַקסן שווערדן —
גרינע גאַל, —
טרעטן אָפּ די פעלקער־היטער
פון די שטעקנס,
פון די פעלקער,
מיט לייַכט געוויטער
אויף לויטערע נשמות, —
טרעטן אָפּ
און לאָזן זיך צום באַרגס,
צום גרויסן באַרגס פאַרגיין.
די פילע, די צאָליגע פעלקער־היטער,
מיט דויערדיגן האָפן, —
אויפן איינציגן,
גאָרן איינציג,
וואָס וואָלט געמוזט

אַל׳זוניג אויפגיין,
פאַר אַלע פעלקער,
טונקלינקע,
וואָס דרייען אַלץ זיך, דרייען
רינגס די איינע שטעקנס —
דעם אויסגעשטעלטן גאַנג...

מיט זיי גייען,
יעדער אויף זיין אייגן־פליסנדיגן שטעגל,
ווי זיי קומען אלע זיך צונויף
צום גרויסן באַרגס פאַרגיין,
בלייבן זיי פאַרציטערט שטיין: —
אין באַרגס נעפּלדיגע וויגן
שטייף־געוויקלט ליגן
קינדערלאַך אין זייער אַלטער צאָל,
(ווייִ, אין די גאונים׳ס צאָל!)
מיט אייגן־גלאַנצנדיגע אייגעלאך,
מיט אייגן־חנ׳עוודיגע מײַלעכלאך,
שמייכלען זיי אין נעפּלדיגע וויגן,
חנ׳ען זיי אין גרויסן באַרגס פאַרגיין...

מיט פֿאַרמישטע אויגן,
מיט פֿאַרמישטע טריט,
מיט אומעט גאָרן שוויַיגן,
מיט זינקענדע געמיטער,
לאָזן זיך אַראָפּ די פֿעלקער־היטער,
יעדער אויף זיַין אייגן־עלנט־שטעגל
פֿון גרויסן באַרגס פֿאַרגיין...

## זייטלאך פון „איסיים"...

### אינטראָדוקציע.

זײַנען מיר געוואַקסן,
זײַנען מיר דערצויגן
אינעם אַלטן ווײַנגאָרטן,
וואָס עלטער־זיידעס
האָבן אים געפלאַנצט! —

אַכטן מיר די ערטער,
היטן מיר דעם קעלטער,
ליבן מיר דעם ווײַנגאָרטן,
וואָס די עלטער־זיידעס
האָבן אים געפלאַנצט.

זייַנגען מיר די יונגע,
זייַנגען מיר די טרוימער
פוּנ'ם אַלטן ווייַנגאָרטן
אויף דער אַלטער ערד! —

טרינקען מיר די זונען,
זאַפּן מיר די טויען
אין די אַלטע ווייַנגערטנער
אויף דער אַלטער ערד.
קומען אַלע מאָרגנס,
קומען העלע קניהען
צוּ דעם מעכטיג־ווייַנגאָרטן
פֿאַר זייַן גרייַזן רום! —

אַלע... נאָר איין מאָרגן,
לויטערסטער און קלאָרסטער,
זאָמט און טוט ניט קומען
צוּ דעם מעכטיג־ווייַנגאָרטן
פֿאַר זייַן גרייַזן רום! —

אַכטן מיר די עלטער,
אַכטן מיר דעם קעלטער...
סע באַשווערט אונז וויַינגאָרטן
ברייַנגען יענעם פריה! —
אַכטן מיר די עלטער!
היטן מיר דעם קעלטער!
ליבן מיר דעם וויַינגאָרטן! —
זוכן מיר דעם פריה!...

פירן מיר דעם מאָרגן
אין די טוי־געזאַנגען,
אינם גין־גאָלד וויַיכן
צו דעם מעכטיג וויַינגאָרטן —
פאַר אַ לויב־געזאַנג! —

קוואַלן קוועלן קוואָלנדיג,
טרוים מיט פליגל שטראַלנדע,
וואָר אין בלויע וויַיטן
טאַנצן דעם באַגעגן־טאַנץ
פון דעם קלאָרסטן מאָרגן

מיט דעם אַלטן ווײַנגאָרטן,
ליבן לויב־געזאַנג...

.I

רעגנבויגנדיגע,
אויף רעגנבויגנדיגער וועלט,
זײַט צום יום־טוב גרייט! –
יונגע, יונגע,
אוראַלט אומגעקערט צו אונז
מיט באַוואַקסן ווילדן פּנים,
קוקט מיט חידוש,
קוקט מיט קנאה,
העלע צוקונפט אויסגעשטרעקט, אַ וויע אויפגעעפנט,
מורמלט שטראַליג: –
„– אַ מזל פון אַ דור...
אַ מזל פון אַ דור”.

.II

– נײַער העל –
פיל־געשטאַלטיג,
פיל־פּנימ׳דיג,

פיל־זוניג,
קומט פאַר אונז אַרײַן
אין רעגנבויגנדיגער וועלט –
מיט שטראַלנדיגע איבערפליסן...

. . .

– נײַער העל –
פֿאַמעלאכן שטײַט אויף,
פֿאַמעלאך קומט אַקעגן
די צוגעשמידטע מענשן־וועלט,
שמײַכלט,
בליצט מיט שטיל־פרײַד –
ווערט באַהעלט –
פון לעצטן אוראַלט־שטײַן
ביז לעצטן שטאַפל
בלויען ציהענדיגן „זײַן"...

. . .

– נײַער העל –
די פֿײַקלען־טענץ,
טרומײַטן־פרײַד
וויגן, ווײַען, ווינטלען,

שטראָמען, שטראָמען קאָלירן
אויף גאָרן פליסנדיגן פערלמוטער.

. . .

— נײַער העל —
ביינאַכט יום טובן לבניש,
זילבערצאַפּלדיג,
פאַרגעסענע בית־עלמינס
פון גאָרער וועלט...
— נײַער העל —
ציהט אײַך אויס
מיט וואונדערזעהענדיגע אויגן,
שנירט אַרום,
דרייט אַרום
קאָלירנדיג,
אַרום קאָלירנדיגער ערד.

טוי שמײכלענדיג,
טוי זינגענדיג: —
„בליהען אינ׳עם וויינגאָרטן,
„ביי די זײַטן העלענישן,

„זעהענדיגע׳ פרייִענדיגע׳
„האָפּנדיגע׳ גייִענדיגע
„ראָד אַרום דעם ווײנגאָרטן —
„העל׳ העל׳ העל׳״

## בין איך קראַנק דען?...

בין איך קראַנק דען?
בין אַ קראַנקער מענש, —
וואָס כ׳קען מיין טיש ניט ליידן,
און זיך ביים טיש, און ס׳ווייב, און ס׳קינד?

ווער מושל׳ט איבער מיר — אַ קרעפּס!
איבער מיר, און איבער מיינע דאָרטן,
איבער מיינע יורשים,
איבער גרויסן נאָמען מיינעם. —
ווער מושל׳ט איבער מיר — אַ קרעפּס!
מיינע הענט טראָגן אים נאָך אַלעס אונטער,
מיט גאָלדנע זייגערלאַך — מיין מאַרכס, —
קעכל איך אים, קעכל.

בין איך קראַנק דען,
וואָס איך רייס פון זיך די הויט,
און וויל אַנטלויפן וואוהין מיין דאָרשט פאַרטראָגט מיך?

כ׳ווייס, איך האָב פון וועמען זיך צו לערנען,
פאַראַן אַן עולם, אַ באַרעדעוודיגער,
פול מיט חכמה,
דאָך, אויב שוין יאָ אַ ביישפּיל נעמען, –
מיין עקל און מיין דאָרשט נעמט
נאָר דעם,
וואָס זיצט זיין לעבן לאַנג
אויף אַלטע קאָזלעס אָפּ
ביים דאַרן, שקוואַרן פערד און וועגל,
און ווייס ניט ווען פאַרשוינען זינגען זיך –
און ווען זיי שנאָרכען,
ווען דאָס פערד און וועגל רוקט זיך –
און ווען סע גליווערט,
און ווייס ניט, אַז ער איז זיין לעבן לאַנג
פאַרגאַן אין זיך,
פאַרגאַן אין וואונדערבאַרן שווייגן.

יעדער זלידניע־טאָג
רופט מיך ווי זיינס גלייכן: —
„קום אַ האָפּקע, רופט ער, נאַרעלע, אַ האָפּקע!"
און כ׳גיי זי אַלע מאָל, און כ׳שפּיי זיך אָפּ,
און כ׳גיי זי.

בין איך קראַנק דען,
אַז איך וויל ניט,
אַז איך קען דעם קרעפּס ניט דינען,
אַז ס׳וואַרגט אַן עקל מיך פון אים?

ווײַ ז׳מיר! —
כ׳האָב דאָך גוטע פריינט,
און אַלע האָבן קוזיניעס,
אינעם הויכן קאַנט! —
כ׳קען דאָך גאָר צו טאָן האָבן מיט פייער,
קען איך דאָך א יינגעל זיין,
און, אפשר, שפּעטער גאָר אליין א מייסטער ווערן!

# איך וואַקס אויף א בוים...

איך וואַקס אויף אַ בוים ביים בית־תּפילה,
אויף העכסטער צווייג.
קינדער דערגרייכן מיך ניט,
ווינט איז מיין פריינט.
איך וואַקס אויף אַ בוים ביים בית־תּפילה,
איך דאַר און איך שקוואַרע:
פון תּפילות און ווייִען,
פון הייִנגען און זעהען —
פון וואַקסען אויף בוים ביים בית־תּפילה.

דורך די פענסטער,
אין הייִליגן רויטלען,

אין טרוים פון צעשיינקן,
און וויג פון פאַרגיבן,
אין אָטעם פון ליבן,
אַל־מענשליך צו ליבן, —
וויגן זיך וויגן
קריסטוסעס קינדער,
פרום־יעוואַנגעליער:

„...אויף זאַמדן, אין פלאַכן,
איינציגער גייער,
שטילע נזירים,
מיט טאָרבעס מחילה,
מיט טענות אויף לענדן..."

„...אין בערג און אין טלאָן:
ישובים פאַרלאָזטע,
קרוין־שטעט און דערפער
פון זנות און פון שטותים
פאַרלאָזטע, פאַרלאָזטע,
אויף וויסט און ניט גוטע".

„...און הימעלשע הערשאַפט
אויף ערד דער באַנייטער,
מיט כסא־הכבוד,
געהייליגט, באשיינטער,
און געטליכער פּאָטער,
געטליכער זון, —
אויף ערד דער באַנייטער,
באַנייטער”...

און אונטער די פענסטער,
פון פרומען בית־תּפילה,
אָפענע פענסטער,
ליגן פאַרגליווערט,
ליגן פאַרשמאַכטע,
אָרעמע פרויען,
מיט קינדער אין שויסן,
פאַרגליווערט, פאַרוואָרפן
קעפּ צו די פענסטער, —
מיט איין טרוים צוגליטן:
„אַ סוכער! אַ סוכער!”

דורכגייער גייען,
אייזערנע, קאַלטע,
שטעלן זיך אָפּעט,
טאַפּן מיט פינגער,
מיט אויגן און אויערן,
די הענט ביי די פרויען,
די הענטלאך ביי קינדער, —
אין גליווער פאַרשטאַרטע
ביי אָפענע פענסטער,
פענסטער פון בשורה!
איך וואַקס אויף א בוים ביים בית־תפילה,
איך דאַר און איך שקוואַרע
פון תפילות און ווייען,
פון וואַקסען אויף בוים ביים בית־תפילה
פון הייַנגען און זעהען.

## דער ליכטיגער הירש...

דער ליכטיגער הירש פונם אויפגאַנג,
ביי אונז איז, ביי אונז אין יריד.
הירשיש דעם קאָפּ איבער שטעלן,
גלעקלאך ביי אים אויפן האַלז.
א קער זיך, א ווענד זיך, מיט אויגן
אַ ברכה ער מאַכט איבער אונז.

ווער איך אַ גלעקל? — אַ גלעקל
ביים הירש אויפן האַלז אין יריד? —
מיר דאַכט זיך — איך זינג, און די מאַרק־לייט,
דאַכט זיך, זיי זינגען מיר נאָך:
„רגע׳ס, רגע׳ס, רגע׳ס
אויף אייער אויפגאַן,

אויף אייער יאָגן ווילד פאַרשייט —
פינטלען אויגלאך,
גרינגען בליטן,
וואַקסט געוויקס!" —

"רגע'ס, רגע'ס, רגע'ס!
זעהט סע ליגט דאָס קינד.
זעהט, סע זויגט אייך, זויגט
סיי אייך, סיי מילך. עס וואַקסט.
און לאַכט, און לאַכט, און לאַכט,
צו הירשן־הערנער ציהט".

"רגע'ס, רגע'ס, רגע'ס! —
איר בעט די הערצער איבער,
אַלע יונגע לייבער
אויף די נעכט־געלעגערס,
איר שכורט זיי מיט פריידן, —
שכורט, שכורט זיי!" —

זאָל זיין,
זאָל זיין ...
אין ווינקלען פון מיין פיר־עק,
אין ווינקלען
וואַקסן טונקלען
און וואָלקנען מיר אין אויג,
וואָלקנען ...
און ווינט פון גרויסער הינטערוואַנט
שויבערט מיר מיין האַנט,
און ביין באַווייזט
דאָס גרוי און גרייז –
און מיר באַווייזט
מיין בערגל אַייז
אין טויטן, ווייסן, טויטן קאַנט.

זאָל זיין, –
זאָל זיין ...
מיין נשמה דאָך
אויף בערגל אייז,
אויף בערגל אייז

װעט װײסן װאױל,
װעט קלערן קלאָר,
אַז גליקליך איז געװען מײן זײן,
גליקליך איז געװען מײן זעהען
דעם הירש דעם ליכטיגן בײ אונז,
דאָס קינד, װאָס טרינקט די רגע׳ס מילך,
װאָס װאַקסט, און לאַכט און לאַכט,
און רײסט זיך צו די הערנער הירשס.

# צווישן פֿרעמדע

## ווען כ׳קוק אויף די שטערן...

ווען כ׳קוק אויף די שטערן,
אין ווייט, און טיף אין פרעמדער —
דאַכט זיך מיר אַמאָל:
אַן אור־אַלטער, פּאַמעליכער,
שטאָק־אַלטער ווינט
שיט און שפּרייט אַ שווערן מדבר־זאַמד, אַ וואָלקן —
אויף לאַנד און שטעט. —
שטעגן, וועגן לעבעדיגע און פריילעכע — באַגראָבן,
מוחות אָפענע — געשלאָסן.
און אַלטע פּאָטערס באַרוהיגט שוין,
וואָס קינדער פאָלגען ניט.
און מוטערס אַלטע, אָפּגעוואוינט זיך

שמועסן מיט זיך פירן,
און צרות ווערן נישטיג, פונקט ווי פליגן,
און פריידן ווערן נמאס, פונקט ווי מוקן.
און שפראָץ־פּיפּקעלעך די גרינינקע אויף פלאַנצן —
ווי אָפּגעגנומען מיט דער האַנט.
טאָלן אויפגעהויבן גלייך מיט בערג.
אַ רויטער נעפּעלדיגער מדבר — די קיילעכדיגע ערד.

אין רויטן נעפּל שלעפּן אום זיך
לאַנגע גרויע צויגען,
אומגעהויער לאַנגע,
אומגעהויער גרויע,
לאָזן פון זיך אָפּ אַ שלעכטן ריח.
און נאָך זיי — הינטעלאַך,
הערדעס־ווייז, צעשויבערט,
הינטלאַך מערער, אָ, פיל מערער, ווי די צויגענס הייטערס!

גאָר אָהן אויגלאַך,
נעזלעך שוואַרצע, פּייכטליכע,
גאַרנדיקע, זשעדנע.

און מיר, אין רויטען מדבר־נעפל —
אַן אָנגעשראָקן קליינע מחנה,
מיט צעשמיסענע געצעלטען.
אַ פחד אָפּענער,
אַ בייזע מורא,
וואָס קען פון הימעל קומען,
פון יעדער קער און ווענד דער וועלט'ס, —
אויף אונז, אויף אונז.

מיר אַלע האָבן דוקא געטלאַך.
נאָר אָנגעשראָקענע, האָבן מיר פאַרוויקלט זיי,
באַהאַלטן זיי אין טעפּ,
און שעמען זיך
און האָבן מורא זיי צו דינען און צו בעטען.

און קיין איינער ניט פון אונז קען אַפילו קלאָר ניט זאָגן,
צי שטאַמען מיר, צי שטאַמען טאַקע
פון אַן אַלטער שטאָלצער מעשה. —
נאָר איינס באַנעמען מיר מיט מורא:

אַז משה איז געשטאָרבן,
אַז אהרון איז געשטאָרבן.
און שווער דערימעך איז,
שווער, סכּנותדיג אַ טראָט צו שטעלן!

## ווי שטאַרק און קלאָר . . .

ווי שטאַרק און קלאָר ס׳ווערט אָנגערופן
זון, ערד,
אַזוי, ניט אַנדערש, ווער אָנגערופן איך, ווי זיי —
מ ע נ ש.

יאָ,
אין די ביינער־נעסטן פון מיין פּנים,
לעבן אויגן,
אַ מוח איינגעוואָרצלט אין מיין שאַרבן;
ס׳האַרץ אויף זיין אָרט;
מיינע פיס, ווי זייערע, קענען שפּאַנען
באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ.

פאַרוואָס־זשע מעסטען זיי מיך יעדער רגע,
שאַרף אזוי,
מיט זייער גאַנצן פנים־אויג?

איז וואָס? —
האָט מיין טאַטע איבערקערט,
אַ פּאָר לאָגלן וואונדער־וואַסער
אויף דער לעכצענדיקער ערד?
איז זי לויטער דאָך געווען,
האָבן זיי אַליין זיך אויך דאָרט פּאָליוסקעט!
און איצטער איך —
לעג איך דען ניט מעכטיג קלאַפּטער
גלייך מיט זיי:
צום ברעג, צום ברעג!
און כלינע ניט,
פאַרכלינע ניט מיין אָטעם?

פאַרוואָס־זשע גרויסן זיי זיך איבער מיר,
און פרעמדן זיך,
נעמען דורך מיט זייער קרומען פנים־אויג?

און אפשר נאָר דערפאַר,
וואָס כ׳בין ביים אַלטן טאַטן מיינעם, נאָך אַ יינגעל,
אפשר גאָר דער קלענסטער,
פון זיין טיש און פון זיין ספר
יונגערהייד אַוועק זיך קלאַפּטערן צו ווייטע ברעגעס, —
דעריבער, אפשר, אַרט מיך מערער,
אַרט מיך ביז דער לעבער
זייער מעסטן מיך און מעסטן!
און סע קרענקט מיך,
אַז זיי מוטיען מיר מיין שטילע שטאַרקע ליבע,
און ברענגען מיך אַרויס צו אָפּט, צו אָפּט —
אויף דער אַלטער יאַטקע־גאַס.
ווען ז׳ זאָלן וויסן, ווי כ׳האָב ליב אבישג השונמית —
אז מיר קומען שעמעוודיג אין אָוונט זיך צונויף.
זי גיט מיר ציטערדיג איר הענטל, —
פעהל איך אויס צו קוקן איר אין אויגן,
כ׳שעם זיך, כ׳שעם זיך זעהר דאָרט דעם מלך טרעפען...

און אין פאַרטאָגען גיט מיין האַרץ זיך איבער
צו יונגער חכמה. —

זאָלן וויסן ווי כ׳קוועל אָן, אַ שטייגער,
ווי ס׳איז פול מיין האַרץ מיט גוטסקייט,
ווען כ׳זיץ גאַנץ שטיל, אויף אַלע פיר,
ווייט, ביי יענעם מאַן, וואָט די ערשטע שריפט
מיט טעמפּער דאָלאָדע געפורעמט.
דערנאָך זיין טרוים דערזעהן שוועבן,
זיין טרוים דעם איינזאַם־פּריילכן
אין שורות־הירשן הערנערדיגע,
שטאַרקע!

## איינער אַ הערבסט . . .

I.

איינער אַ הערבסט האָט געוואַרט אויף מיר, —
און מיך אַוועקגעפירט פון מיינע שטעט.

מיין יינגעלשן קריג ניט פאַרענדיגט,
ניט שלאָפן באַלייגט מיינע טויבן;
דאָס וואָרט ניט געזאָגט מיינע מיידלאַך,
ס'געפייערט, געכאָוועטע וואָרט.

איינער אַ הערבסט האָט געוואַרט אויף מיר, —
און מיך אַוועקגעפירט פון מיינע שטעט.
ס'אַ ווייטיג אויסצובריינגען מיינע טעג אין דער
פרעמד ! —

כ׳שעם זיך גאָר
מיט פּרות צייטיגע, מיין יוגנטס. —
כ׳שיט זיי אויס,
ווי שאָלעכטץ נישטיגן
אויף פרעמדן פּלאַץ,
און שרעק זיך —
ס׳קיהלט און קיהלט אין האַרץ.

קומט מיר טאַקע פאַר די אויגן
ס׳יונגע קאַלב אויף פרעמדן פיינטליכן יריד.
בייטשען קוויטשיגע און ביינער־פינגער
איבער קאַלב —
איבער נאַקעטע, וואַרעם קאַלב.

שפּיל איך זיך אין צימער
אין דער פרעמד:
אָט, אַ הימעל קליינינקער,
האַלב־אָנגעמערקט לבנה׳כל.
איין בוימעלע, איין בוימעלע —
אַ גרינס.

שלאָגט זיך אָן מיין האַרץ אויף דעם,
היינגט זיך אָן –
און רוהט אויף דעם...

II.

נאָך דער הימלשער עגלה
ווייס איך וואו סע שטייט מיין היים –
פונקט אַנטקעגן די רעדער הינטערשטע
שטייט מיין שטיבל אויף דער וועלט.
ביים הינטערשטן פענסטערל –
ציהט זיך דער עֵרוּב,
ביים פאָדערשטן ווענטל –
די קייט פונם הונט.
אין אונטערשטן פענסטערל –
פינקעלט דער זון־באַרג,
אין קליינינקען קיכל –
ציקאָריע זיך קאָכט.

III.

פלעגן וואונדער פאַרטאָגן
מיר קומען צו חלום
און מורמלען:

„וועסט אונטערוואַקסן,
זיך אָנטרינקען ציקאָריע, —
וועסט אַוועקגייען מיט אונז,
וואו מיר'ן זיך שטעלן, —
וועסטו אויך,
וואו מיר'ן זיך פרייען, —
וועסטו אויך,
וואוהין מיר'ן גייען, —
וועסטו אויך".

IV.

איצט קען איך די פאַרטאָגן
ניט דעריאָגן —
מיך שלעפט אַראָפּ די פרעמד!
און ווען איך טרעף זיי אָן אַ מאָל —
טרינקט זיי אויס די פרעמד.
די פֿרעמד ביז בלוט, קאַלטבלוטיגע,
ווי גומען טעמפּ איר לופט.

## אינהאלט:


פתיחה . . . . . . . . . . . . . . 7

### אין יאָך·

גערעכניש . . . . . . . . . . . . . . 11
מיין אומרוה . . . . . . . . . . . . . 13
כ׳האָב נישט אויפגעֶנומען . . . . . . . . 17
אַ שווייגנס . . . . . . . . . . . . . 20
מיין בלאָנדע . . . . . . . . . . . . 23

### יונגע פרייד

יונגע פרייד . . . . . . . . . . . . . 29
טאָג־בלוי . . . . . . . . . . . . . 31
מיין אוצר . . . . . . . . . . . . . 33
פאַרשפעטיגט . . . . . . . . . . . . 36

שעצער . . . . . . . . . . . . . . 38
שטיל און טיף . . . . . . . . . . . 40


## מאַרקן.


כנופיות אלטע . . . . . . . . . . . 45
פון אלע פיר עקן . . . . . . . . . . . 47
איך בין אַ קרעמער . . . . . . . . . . 49
געמיטער . . . . . . . . . . . . . 51


## פארבן.


רוה־לאנד . . . . . . . . . . . . 55
אויפן שכור־פלאַץ . . . . . . . . . . 57
באַהאַלטענע קאַץ . . . . . . . . . . 60
האָט יעדער זיין קעסטעלע . . . . . . . 62
מיין שפיגל . . . . . . . . . . . 65


## נעכט.


שעלט זי ניט . . . . . . . . . . . 71
איך ווייס ניט גאָרנישט . . . . . . . . 73
אָוונט . . . . . . . . . . . . . 77
נאַכט־אומרוה . . . . . . . . . . . 83

ווען ס׳ווערט די נאַכט א בוגרת . . . . . 87
אזא בלויע נאַכט . . . . . . . . . . . 89
ניט׳ע שוועסטער . . . . . . . . . . . 91


## העלער שאָטן


איך בין צוגעבונדן . . . . . . . . . . 95
שטיינער איינציגע . . . . . . . . . . 97
אום מיטוואָך . . . . . . . . . . . 99
דיין פערדל . . . . . . . . . . . 101
ווייניסט פאר מיר . . . . . . . . . . 103
חברה וואָלקן . . . . . . . . . . . 105
מאַרט . . . . . . . . . . . . 108
העלדן פריינט . . . . . . . . . . . 112
מיין פריינט . . . . . . . . . . . 114


## טונקעלער שאָטן


כ׳וועל דיר איצטער . . . . . . . . . . 117
זאָל גיין אַ רעגן . . . . . . . . . . 118
כ׳האָב געקליבן . . . . . . . . . . . 120
קום נישט מיין פריינט . . . . . . . . . 122

דורכגייער שמייכלען · · · · · · · · · · · · 124
קומסט מיט אן עסנדיק פנים · · · · · · 126
ווייבער · · · · · · · · · · · · · · 127
גאַס האָט מיך גאוה'ש באַגעגנט · · · · · 129
מוצאי־שבת · · · · · · · · · · · · · 130

## פּאַר שדים·

פּאַר שדים I · · · · · · · · · · · · 135
II · · · · · · · · · · · · · · 136
III · · · · · · · · · · · · · · 138

## מענש·

דו׳ וואָס גייסט מיר נאָך · · · · · · · · 143
עשו · · · · · · · · · · · · · · · · 146
מיט מיינע יונגע · · · · · · · · · · · 149
אויף דער קינדער־גאַס · · · · · · · · · 152
פון גרויסן שאַריען · · · · · · · · · · 155
כהאָב ביי מיר אין דר'היים · · · · · · 158
איך לעב אזוי · · · · · · · · · · · · 160
גאונים · · · · · · · · · · · · · · · 163
זייטלאך פון „איסיים"· אינטראדוקציע · 169

בין איך קראנק דען? · · · · · · · · · · 176
איך וואַקס אויף א בוים · · · · · · · · 179
דער ליכטיגער הירש · · · · · · · · · · 183

## צווישן פרעמדע.

ווען איך קוק אויף די שטערן · · · · · 189
ווי שטאַרק און קלאָר · · · · · · · · · 193
איינער אַ הערבסט · · · · · · · · · · · 197

# די וויכטיגסטע דרוק־פעלערן:

| זייטל: | שורה (פון אויבן): | אָפגעדרוקט: | דארף זיין: |
|---|---|---|---|
| 78 | 14 | קרינט | קרוינט |
| 92 | 6 | שייטל | שיידל |
| 120 | לעצטע | מיד | מיט |
| 131 | 2 | „באַ" | „שאַ" |
| 137 | 1 און 9 | סמואל | סמאל |
| 138 | 2 | | |
| 176 | 6 | דאָרטן | דאָרשטן |
| 180 | 2 | און | אין |
| 180 | 13 | טלאָן | טאָלן |

Druck von Zahn & Baendel
Buchdruckerei für alle Sprachen
Kirchhain N.-L.

נאָך דעם, ווי דאָס בוך איז געווען אָפּגעדרוקט, האָבן מיר באַמערקט פאָלגנדיגע פאַרדריסליכע דרוק־פעלערן:

| זייט: | שורה (פון אויבן): | אָפּגעדרוקט: | דאַרף זיין: |
|---|---|---|---|
| 14 | 7 | סטרוכעס | סטריכעס |
| 144 | 13 | צו גרויסער | צו גרויסער שוואַרצער |
| 167 | 7 | מיט זיי גייען | ווי זיי גייען |
| 171 | 2 | אַכטן | היטן |
| 177 | 13 | זינגען | דינגען |
| 180 | 8 | אין פלאַכן | און פלאַכן |
| 196 | 4 | וואָס די ערשטע | וואָס האָט די ערשטע |